STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11477

DER RAMBAM

Isidor Ginzburg

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דער רמב״ם

דער רמב״ם

(רבי משה בן מימון)

זיין לעבען, זיין שאפען
און זיין ווירקען

פון

דר. א. גינזבורג

פארלאג „פארווערטס"
ניו יארק, 1935

Copyright, 1935,
by Dr. I. Ginsburg,
New York, N. Y.

א דערקלערונג אנשטאט אן הקדמה.

די דאזיגע קורצע אפהאנדלונג וועגען דעם רמב"ם איז לכתחילה געשריבען געווארען פאר דעם „פארווערטס", וואו זי איז געדרוקט געווארען אין א סעריע פון ארטיקלען לכבוד דעם רמב"ם'ס אכט־הונדערט יעהריגען געבורטס־טאג.

מיין כונה ביים שרייבען די דאזיגע ארטיקלען איז ניט גע־ווען צו געבען א פולשטענדיגע ביאגראפיע פון דעם רמב"ם. נאך וויניגער האב איך מיט זיי באצוועקט צו געבען אן אויספיהר־ליכע באהאנדלונג פון זיין פילאזאפיע. מיין אויפגאבע איז גע־ווען א פיל קלענערע. איך האב געוואלט געבען דעם לעזער אין קורצע שטריכען א בילד, אין מיניאטור, פון דעם מאן, וואס האט, ווי אלע מענשען וואס קומען מיט א נייעם ווארט, ארויס־גערופען באגייסטערונג און ליבשאפט פון איין זייט און ווידער־ווילען און פיינטשאפט פון צווייטען.

דר. א. גינזבורג.

I.

עפּיזאָדען פון דעם רמב"ם'ס ביאָגראַפיע.

ר' משה בן מימון (דער רמב"ם), וועמעס אכט הונדערט יעהריגער געבורטס־טאָג עס ווערט האַי־יאָהר געפייערט אין אַלע לענדער וואו אידען געפינען זיך, איז אָהן צווייפעל איינער פון די גרעסטע און וויכטיגסטע מענער, וואָס די שפּאַנישע אידען האָבען פון זיך ארויסגעגעבען אין דער גלאַנץ־עפּאָכע, אין דעם אזוי־גערופענעם „גאָלדענעם צייטאַלטער", פון זייער געשיכטע.

דער רמב"ם אין פאַרגלייך מיט די אַנדערע גאונים פון דעם שפּאַנישען „גאָלדענעם צייט אַלטער".

דאָס שפּאַנישע אידענטום איז אין זיין גלאַנץ־עפּאָכע געווען אויסערגעוועהנליך רייך אין גרויסע מענשען. עס האָט ארויסגעגעבען גרויסע תלמודיסטען, גרויסע געלעהרטע און גרויסע פילאָזאָפען, שוין ניט ריידענדיג וועגען פּאָעטען. צווישען זיי אַלעמען האָט דער רמב"ם פאַרנומען אַ באזונדער פּלאַץ. עס זיינען צווישען זיי אפשר געווען גרעסערע תלמודיסטען ווי דער רמב"ם, ווי, למשל, ר' יצחק אלפסי. עס זיינען צווישען זיי אפשר אויך געווען טיפערע און אָריגינעלערע פילאָזאָפען ווי דאָס איז געווען דער רמב"ם, ווי, למשל, ר' שלמה אבן־גבירול און אפשר אויך ר' יהודה הלוי. דער רמב"ם איז אָבער געווען אַלזייטיגער פון זיי אַלעמען. ער איז געווען אי אַ גרויסער תלמודיסט, אי אַ גרויסער געלעהרטער אין די וויסענשאפטען פון זיין צייט און אי אַ גרויסער פילאָזאָף. ער איז געווען אַ גאון פון דער ערשטער מדרגה אויף אַלע פון די דערמאָנטע געביטען.

דער איינציגער געביט אויף וועלכען דער רמב"ם האָט זיך ניט אויסגעצייכענט איז געווען פּאָעזיע. ער האָט אין זיינע יונגע יאָהרען געפּרואווט שרייבען לידער אויך. אָבער מען קען ניט זאָגען, אז דאָס איז איהם געלונגען. צום טייל האָט זיך עס גענומען פון זיין קאַלטער לאָגיק, פון זיין טיפען, קריטישען און אַנאַליזירענדען שכל, וואָס האָט ניט געקענט פאַרטראָגען קיין מליצות און היפּאַרבאָלען. ווערטער האָבען פאַר איהם געהאַט אַ באַשטימטען מיין. זיי זיינען געווען פאַר איהם שאַרפע און פּינקטליכע אינסטרומענטען פון זיין דענקען. ער האָט זיך מיט זיי ניט ארומגעוואָרפען. ער איז געווען קאַרג אויף ווער־

טער. דערפאר איז אויך זיין סטיל, אין אלע זיינע ווערק, געווען אזוי וואונדערבאר קלאָר, קורץ, פינקטליך און שארף.

דאָס איז אָבער ניט די איינציגע אורזאך. צום טייל איז אין דעם געווען שולדיג די צייט. עס זיינען אָנגעקומען שווערע און שלעכטע צייטען פאר די אידען פון שפאניען. עס האָט זיך מעהר ניט געזונגען.

דער רמב"ם איז ניט געווען קיין פארשלאָסע־נער קאָבינעט־מענש.

מיט זיין גאנצער גרויסקייט אלס תלמודיסט, געלעהרטער און פילאָזאָף איז דער רמב"ם ניט געבליבען קיין אָפגעזונדערטער, פארשלאָסענער קאָבינעט־מענש, וואָס זיצט ביי זיך אין צימער און גריבעלט זיך איבער טויטע ספרים. ער איז געווען א מענש פון לעבען, א מענש פון ראט און טאט, וואָס איז ארויס אין גאס און האָט געזעהן „די ליידען פון זיינע ברידער". ער האָט זיך געמישט אין כלל־זאכען און ער האָט געטאָן אלץ, וואָס ער האָט געקענט, כדי צו העלפען, טרייסטען און דערמוטיגען די דער־שלאָגענע, פארוואָגעלטע און פארצווייפעלטע ברידער זיינע, וואו זיי האָבען זיך געפונען. זיינע בריף זיינען די בעסטע עדות אויף דעם. ניט אומזיסט האָבען די אידען פון תימן (יעמען) יאָהרהונדערטע לאָנג דערמאָנט זיין נאָמען אין זייער הייליגסטער תפילה, אין „קדיש": „בחייכן וביומיכן ובחיי דרבנו משה בן מיימון". זיין מישען זיך אין קהל'שע ענינים האָט איהם פון איין זייט פארשאפט א גרויסע צאָל פון באגייסטערטע אָנהענגער, אָבער פון דער אָנדערער זייט האָט עס איהם פארשאפט א רעכט ביסעל ניט פארגינער, וואָס זיינען געוואָרען זיינע ביטערע און פארביסענע שונאים.

* * *

דעם רמב"ם'ס קינדער־יאָרען.

געבאָרען געוואָרען איז דער רמב"ם אין קאָרדאָווא, שפאניען, דעם 30טען מארטש, 1135, וואָס איז דאמאָלס אויסגעפאלען אום ערב־פסח. זיין פאמיליע איז געווען איינע פון די יחוס'־דיגסטע צווישען די שפאנישע אידען. ביים ענדע פון זיין פירוש אויף משניות גיט דער רמב"ם זיין יחוס און רעכענט אויס זיבען דורות פון גרויסע תלמודיסטען. זיין פאָטער, ר' מימון, א תלמודיסט און געלעהרטער, א תלמיד פון ר' יוסף אבן־מיגש, איז געווען דיין (דאיאן) אין קאָרדאָווא.

ווער עס זיינען געווען דעם רמב"ם'ס רביים אין זיינע יונגע יאָהרען איז ניט באקאנט. עס איז אָבער כמעט ווי זיכער, אז

זיין ערשטער רבי, סאי אין אידישע און סאי אין וועלטליכע לימודים, איז געווען זיין פאטער. א פאלקס־לעגענדע דערציילט, אז ביז זיין צוואנציגסטען יאהר איז דער רמב״ם געווען א גרויסער פראסטאק, און אז זיין פאטער האט דערפאר איהם פון זיך פארטריבען. ערשט צו צוואנציג יאהר האט ער זיך גענומען צום הארצען און האט אנגעפאנגען צו לערנען מיט גרויס חשק. אין א קורצער צייט, דערציילט ווייטער די לעגענדע, איז ער געווארען איינער פון די גרעסטע לומדים פון אלע צייטען.

פארשטעהט זיך, אז אין דער דאזיגער לעגענדע איז ניטא אפילו קיין איינציג קערענדעל פון אמת. די פאלקס־פאנטאזיע האט ליב צו מאלען איהרע העלדען אין די העלסטע פארבען. זי מאכט איהר העלד קליין, כדי זי זאל איהם שפעטער קענען מאכען גרעסער. דעם רמב״מ׳ס גרויסקייט ווערט אין די אויגען פון פאלק נאך גרעסער דערמיט, וואס ער ווערט פארגעשטעלט אלס פראסטאק אין זיינע יונגע יאהרען. אזוי האט אויך די פאלקס־פאנטאזיע געמאלען דעם גרויסען תנא ר׳ עקיבא אלס „עם־הארץ״ און ווילדען פיינד פון די תלמידי חכמים.

ווען דער רמב״ם איז אלט געווארען דרייצעהן יאהר, אין יאהר 1148, איז קארדאווא אריבערגעגאנגען אין די הענט פון די אלמאהאדען, — פארביסענע מאכמעדאנישע פאנאטיקער. די נייע הערשער האבען באלד ארויסגעגעבען א גזרה, אז אלע אנדערש־גלויביגע און ניט־גלויביגע, סאי קריסטען און סאי אידען, מוזען אדער פארלאזען די שטאדט און איבערלאזען זייער האב און גוטס אדער אריבערגעהן צום מאכמעדאנישען גלויבען. צווישען די, וואס האבען זיך געפונען אין דער דאזיגער לאגע, איז אויך געווען רבי מימון און זיין פאמיליע.

די אלמאהאדען און דעם רמב״מ׳ס פאטער.

וואס ר׳ מימון האט געטאן איז ניט אינגאנצען קלאר. מאנכע היסטאריקער זיינען מיט דער מיינונג, אז פאר א קורצער צייט האט ער לפנים וועגען אנגענומען דעם מאכמעדאנישען גלויבען. אויב ר׳ מימון האט עס געטאן, איז ער ניט געווען דער איינציגער. פילע אנדערע אנגעזעהענע און חשוב׳ע אידען האבען געטאן דאס זעלבע. ניט קענענדיג אדער ניט וועלענדיג פארלאזען זייער היים און זייער האב און גוטס, האבען זיי בעסער אויסגעקליבען דעם צוויי־פנים׳דיגען לעבען פון די „אנוסים״ איידער דעם טויט אדער דעם גלות. עס האבען זיך זאגאר געפונען רבנים, וואס האבען דאס גערעכטפערטיגט.

זייער טענה איז געווען, אז „כל זמן מען צווינגט ניט די אידען צו דינען צו פרעמדע געטער, כל זמן מען פאדערט פון זיי בלויז אז זיי זאלען מיט זייערע ליפען אנערקענען מאכמעד'ן פאר א נביא, זיינען די אידען ניט מחויב צו געהן אויף קדוש השם". אין זיין „אגרת השמד" אדער „מאמר קדוש השם", דריקט דער רמב"ם אוים אן עהנליכע מיינונג.

די באציהונג פון די מאכ־מעדאנער צו די אידישע אנוסים אין פארגלייך מיט די קריסטען.

מען דארף ניט פארגעסען, אז די מאכמעדאנער זיינען וויט ניט געווען אזוי שטרענג צו די „אנוסים", ווי דאס זיינען געווען די קריסטען. די מאכמעדאנער האבען ניט נאכגעזוכט און ניט נאכגעשפיאנירט זייערע ניי־באקערטע גלויבענס־גענאסען. זיי האבען אויך ניט געהאט קיין אינקוויזיציע. די אנוסים האבען געקענט פיהרען זייער לעבען און אפהיטען אלע מצוות אומגעשטערט. זיי האבען בלויז גערארפט אנערקענען, אז מאכ־מעד איז געווען א נביא און א שליח פון גאט. אחוץ דעם דארף מען געדענקען, אז די מאכמעדאנישע רעליגיע האט ניט ארויס־גערופען אזא ווידערווילען ביי די דאמאלדיגע אידען ווי די קריסטליכע. דער הויפט־יסוד פון דער אידישער אמונה איז די איינהייט פון גאט, און דאס איז אויך דער הויפט־יסוד פון דער מאכמעדאנישער אמונה. מאכמעד איז בלויז א נביא. ער איז ניט קיין זוהן, ניט קיין וויצע־גאט און ניט קיין צווייטער גאט. דער רמב"ם זאגט טאקע דעריבער, אז „די מאכמעדאנער זיינען ניט קיין געצענדינער. זיי גלויבען אין אן איינציגען גאט ווי געהעריג איז" ((אלו הישמעאלים אינם עובדי ע"ז כלל, וכבר נכרתה מפיהם ומלבם, והם מייחדים את השם יחוד כראוי).

ר' מימון פארלאזט קארדאווא, און פאנגט אן א וואנדער־לעבען.

דער פארמאסקירטער לעבען פון אן אנוס האט דערעסען רבי מימון, און ער האט פארלאזען קארדאווא אויף שטענדיג. ער האט געזוכט א פלאץ, וואו ער זאל פריי און אפען קענען לעבען אלס איד און קענען אפהיטען די אידישע תורה. דאס איז אבער געווען א שווערע אויפגאבע אין יענע צייטען. עס זיינען ניט געווען אזעלכע פלעצער אין יענע געגענדען. איז ר' מימון מיט זיין פאמיליע געצוואונגען געווען צו פיהרען א ציגיינער־לעבען, וואנדערענדיג פון איין שטאדט אין דער צוויי־טער. אזוי שנעל ווי מען האט איהם אין זיין נייעם וואוין־פלאץ גענומען חושד זיין אין אידישקייט, פלעגט ער זיך ווידער מוזען נעהמען צו זיין וואנדער־שטעקען...

אזוי נאך האט רבי מימון מיט זיין פאמיליע ארומגעוואנ־

דערט א יאָהר צוועלף. ענדליך האָט ער באַשלאָסען איינגאַנצען צו פאַרלאָזען שפּאַניען און אין יאָהר 1160 איז ער אָנגעקומען קיין פעץ, אין צפון אפריקע. דער וואונדער דערביי איז, וואָס די אַלע צרות און וואַגלעניש'ען, וואָס די פאַמיליע מימון האָט געהאַט אויסצושטעהן, האָבען פונדעסטוועגען ניט געשטערט זייער עלטערען זוהן, דעם רמב"ם, אין זיין לערנען. אין דעם משך פון די דאָזיגע צוועלף וואַנדער־יאָהרען איז דער רמב"ם אויס־געוואַקסען — אין דעם רמב"ס. ער איז דאַמאָלס אַלט געווען בלויז פינף־און־צוואַנציג יאָהר, אָבער ער האָט זיך שוין געהאַט דער־וואָרבען א גרויסע רעפּוטאַציע סאַי אַלס תלמודיסט און סאַי אַלס געלעהרטער.

די אידישע לאַגע אין פעץ. געמיינט האָט רבי מימון, אַז אין פעץ וועט ער קענען לעבען רוהיג און קיינער וועט איהם ניט שטערען אין זיין אידיש־קייט. האָט ער אָבער געהאַט א טעות. די לאַגע פון די אידען אין פעץ איז געווען נאָך ערגער ווי אין קאָרדאָווא. אויך פעץ איז געווען אונטער דער הערשאַפט פון די זעלבע אַלמאָהאַדען, וואָס האָבען געהערשט אין שפּאַניען, אָבער די אַלמאָהאַדען פון פעץ זיינען געווען נאָך פאַנאַטישער און ווילדער פון די שפּאַ־נישע. זיי זיינען געווען פיל שטרענגער צו די אנוסים, ווי די אַלמאָהאַדען פון שפּאַניען.

די גאַנצע אידישע קהלה פון פעץ איז געצוואונגען געוואָרען צו אַנערקענען מאַכמעד'ן אַלס גאָט'ס שליח און נביא. א גרויסער טייל פון דעם אידישען פּראָסטען עולם האָט זיך בים־לאַכווייז איינגעלעבט אין דעם נייעם גלויבען. זיי האָבען אָנגע־פאַנגען צו גלויבען, אַז „גאָט האָט פאַרלאָזען זיין פאָלק און האָט זיך אויסגעקליבען אַן אַנדער אומה". צו שטאַרקען און צו טרייסטען די דאָזיגע פאַרצווייפעלטע האָט דעם רמב"מ'ס פאָטער, ר' מימון, אָנגעשריבען א „טרייסט בריף", אין וועלכען ער מונטערט זיי אויף, אַז זיי זאָלען זיך האַלטען אָן דער אידישער תורה און ניט פאַרלירען די האָפנונג:

די „אגרת הנחמה" פון ר' מימון. „מיר זיינען אין גלות, ווי איינער וואָס טרינקט זיך אין ים. די תורה און די מצוות זיינען די שטריק, וואָס בינדען אונז צום הימעל. די וואָס האַלטען זיך אָן די שטריק קענען זיך ראַטעווען. דער וואָס האַלט זיך פעסט מיט אַלע זיינע כחות, האָט מעהר האָפנונג ווי יענער וואָס האַלט זיך ניט אַזוי פעסט, אָבער אפילו דער וואָס האַלט זיך בלויז מיט די שפּיצן פינגער האָט אַליין

מעהר האָפנונג ווי איינער, וואָס האָט די שטריק אינגאַנצען ארויסגעלאָזען פון זיינע הענט".

עס האָט ניט לאַנג גענומען און עס האָבען זיך געפונען מוסרים, וואָס האָבען געלאָזט וויסען די אַלמאָהאַדען, אַז אין דער שטיל האַלטען זיך די אידען אָן זייער אייגענער תורה, און ווילען ניט וויסען פון מאַכמעד'ן. שולדיג אין דעם, האָבען די מוסרים דערצעהלט, זיינען ר' יהודה הכוהן אבן ששון, דער ראש־ישיבה פון פעז, און די פאַמיליע מימון. ר' יהודה אבן־ששון איז פאַר'משפט געוואָרען צום טויט און איז הינגעריכטעט געוואָרען. עס האָט געהאַלטען דערביי, אַז די גאַנצע פאַמיליע מימון זאָל האָבען דעם זעלבען פסק. האָט זיך ארייגעמישט אַן אַראַבישער פּאָעט און פילאָזאָף, אבן מו וואַשאָ. דעם רמב"ם'ס אַ פריינט, און האָט עדות געזאָגט, אַז די מימונס זיינען גוטע מוסולמאַנער און זיי זיינען אויף אַזאַ אופן געראַטעוועט געוואָרען.

די פאַמיליע מימון ראַטעוועט זיך פון טויט.

לאַנג זיך אויפהאַלטען אין פעז איז געוואָרען אונמעגליך. אין יאָהר 1165 האָט ר' מימון מיט זיין פאַמיליע פאַרלאָזען פעז און געפאָהרען קיין ארץ ישראל. זיי זיינען אָנגעקומען אין עכו, וואו זיי האָבען זיך אויפגעהאַלטען אַ קורצע צייט. זיי האָבען אויך באַזוכט ירושלים און חברון. ירושלים איז דאַן געלעגען אין קריסטליכע הענט און די לאַגע פון די ווייניגע אידען, וואָס האָבען זיך דאָרטען געפונען, איז ניט געווען וואָס מקנא צו זיין. דעם רמב"ם'ס פאָטער, ר' מימון, האָט זיך ניט געוואָלט שיידען פון ארץ־ישראל. ער איז דאָרטען פאַרבליבען. דער רמב"ם, זיין ברודער דוד און זיין פאַמיליע האָבען באַשלאָסען זיך צו באַזעצען אין עגיפּטען. אַ קורצע צייט האָבען זיי זיך אויפגעהאַלטען אין אַלעקסאַנדריע. פון דאָרטען זיינען זיי אַריבער קיין קאַירָאָ.

ר' מימון בלייבט אין ארץ ישראל.

*   *   *

די ערשטע צייט איז דעם רמב"ם ניט געגאַנגען אַזוי וואויל אין עגיפּטען. זיין ביטערער שיקזאַל האָט איהם פאַרפאָלגט. פריהער איז געשטאָרבען דער פאָטער און מיט אַ קורצער צייט שפּעטער איז זיין ברודער, דוד מימון, דערטרונקען געוואָרען אין אינדישען אָקעאַן אויף אַ געשעפטס־רייזע. דער ברודער איז געווען אַ סוחר פון צירונג און די איינציגע שטיצע פון דעם רמב"ם. אין איינעם פון זיינע בריף צו אַ פריינד שרייבט דער רמב"ם: „דער לעצטער אומגליק, וואָס איז אויף מיר געקומען,

דער רמב"ם אין עגיפּטען.

איז דער גרעסטער, וואָס האָט מיר געטראָפען אין מיין גאַנצען לעבען. מיין ברודער, דער צדיק, איז דערטרונקען געוואָרען אין אינדישען אָקעאַן. ער האָט געהאַט ביי זיך פיל געלד, זיינע, מיינע און פרעמדע. ער האָט איבערגעלאָזען א פרוי מיט א קליינע טאָכטער. זיי זיינען ביי מיר. דער אומגליק האָט מיר אזוי שטאַרק דערשיטערט, אַז איך בין קראַנק געוואָרען אויף א גאַנץ יאָהר, און נאָך איצטער, ווען עס זיינען שוין אריבער פיל יאָהרען, קען איך זיך נאָך אַלץ ניט טרייסטען. און ווי זאָל איך זיך טרייסטען? איך האָב דאָך איהם אויפגעהאָדעוועט. ער איז געווען דער ברודער, דער תלמיד און דער פאַרדינער. איך פלעג זיצען רוהיג און לערנען".

דער ברודער איז געשטאָרבען און דער רמב"ם האָט זיך געמוזט נעהמען צו זוכען פרנסה ניט בלויז פאַר זיך און פאַר זיין פאַמיליע, נאָר אויך פאַר זיין ברודער'ס אלמנה און קינד. די ערשטע צייט האָט ער געקראָגען עטליכע תלמידים, פאַר וועלכע ער האָט געגעבען לעקציעס איבער פילאָזאָפיע. דאָס האָט איהם גאַנץ ווייניג אריינגעטראָגען און ער האָט זיך גענומען צו פּראַקטיצירען מעדיצין. פון אָנפאַנג איז זיין פּראַקטיקע געווען א קליינע, אָבער באַלד האָט ער זיך דערוואָרבען א נאָמען אַלס גרויסער דאָקטאָר, ווי איינער פון די גרעסטע אין זיין צייט. אין פאַרלויף פון אייניגע יאָהר איז ער געוואָרען דער הויז-דאָקטאָר פון סאַלאַדינ'ס וויזיר אַלפאַדיל. שפּעטער איז ער אויך געוואָרען דער דאָקטאָר פון סאַלאַדינען אַליין. זיין רעפּוטאַציע אַלס דאָקטאָר האָט, לויט די עדות פון אַן אַראַבישען היסטאָ-ריקער, דערגרייכט אַזש ביז ענגלאַנד. דער רמב"ם, אַזוי דער-צעהלט דער אַראַבישער היסטאָריקער, האָט געקראָגען אַן איינ-לאַדונג פון דעם ענגלישען קעניג ריטשאַרד דעם ערשטען צו ווערען זיין הויף-דאָקטאָר. דער רמב"ם האָט זיך ענטזאָגט.

דער רמב"ם ווערט א דאָקטאָר.

דעם רמב"ם'ס נאָמען און רעפּוטאַציע איז אַלץ געוואַקסען. ער איז געוואָרען באַריהמט ניט בלויז אַלס גרויסער דאָקטאָר און פילאָזאָף, נאָר אויך אַלס גרויסער אויטאָריטעט אין תלמוד און אין „הלכה". שוין אין יאָהר 1175 פלעגען די רבנים פון נאָהענט און פון ווייט זיך ווענדען צו איהם מיט זייערע רעלי-גיעזע פראַגען. און ניט בלויז מיט רעליגיעזע פראַגען, נאָר אויך וועגען אַלערליי אַנדערע פראַגען. וואו נאָר א צרה אָדער אַן אומגליק פלעגט מען זיך ווענדען צום רמב"ם.

און צרות און אומגליקען זיינען דאָן געווען געגוג. נאָך האָבען ניט אויפגעהערט די גזרות געגען די אידען אין שפאַניען און אין צפון אפריקא, ווי עס האָבען זיך אָנגעפאַנגען שרעקליכע פאַרפאָלגונגען געגען די אידען פון תימן (יעמען). דער מאַכמעדאַנישער הערשער פון תימן האָט זיך ווי פאַרקוקט אויף די אַלמאָהאַדען און האָט זיך גענומען צו דורכפיהרען די זעלבע גזרות פון שמד אויף די אידען, וואָס געפינען זיך אין זיין מלוכה.

די אידישע לאַגע אין תימן.

צעהנדליגע טויזענדע אידען פון תימן האָבען זיך פּלוצלונג געפונען אין אַ שרעקליכער לאַגע. זיי האָבען ניט געוואוסט וואָס צו טאָן און ווי צו האַנדלען. צווישען די דאָרטיגע אידען האָט זיך געפונען אַ משומד, וועלכער האָט געהאַלטען אין איין פּריידיגען און באַווייזען מיט ראיות און פּסוקים פון דער תורה, אַז מאַכמעד איז ווירקליך געווען אַ נביא און אַ שליח פון גאָט. פיל אידען, איבערהויפּט פון פּראָסטערען עולם, האָבען אָנגעפאַנגען צו גלויבען אין די דאָזיגע דרשות און זיינען אריבערגעגאַנגען צום מאַכמעדאַנישען גלויבען. די, וואָס האָבען זיך ניט אַזוי לייכט געלאָזט פאַרפיהרען פון דעם משומד'ס דרשות, האָבען אין די דאָזיגע אַלע צרות און אומגליקען געזעהן די „חבלי משיח" — די אומפאַרמיידליכע ליידען און יסורים, וואָס מוזען באַגלייטען דעם אָנקומען פון משיח'ן. וואָס גרעסער די ליידען, אַלץ נעהנטער איז די גאולה. די אידען פון יעמען זיינען געווען זיכער, אַז אָט באַלד און משיח וועט קומען.

דער באָדען איז געווען ווי צוגעגרייט פאַר דעם דערשיינען פון איינעם פון יענע אַזוי־גערופענע „פאַלשע משיחים", וואָס באַווייזען זיך שטענדיג אין די שווערסטע צייטען פון דער אידישער געשיכטע. און עס האָט ניט לאַנג גענומען און דער משיח האָט זיך באַוויזען.

דער פאַלשער משיח פון תימן.

עס איז ניט אינגאַנצען קלאָר, ווער עס איז געווען דער דאָזיגער משיח. ווי עס ווייזט אויס איז עס געווען דוד אל־ראָי, פון וועמענס לעבען און טעטיגקייט לאָרד ביקאָנספילד האָט אָנגעשריבען אַ ראָמאַן. אין „שבט ישורון" ווערט דערצעהלט, אַז דער רמב"ם זאָל זיך מיט איהם האָבען געטראָפען.

דוד אל־ראָי איז ניט געווען איינער פון יענע „פאַלשע משיחים", וואָס האָבע געזוכט צו העלפען זייער פאָלק מיט הייליגע שמות און קמיעות, ווי, אַ שטייגער, שבתי צבי. ער האָט געזוכט צו אָרגאַניזירען אַן אַרמיי און פיהרען אַ מלחמה

געגען דעם „באגדאדער באליפאט", וואס איז דאן געווען אי פאליטיש אי מיליטעריש אפגעשוואכט. ער האט אויף אזא אופן געוואלט באפרייען די אידען פון דעם אראבישען יאך און גרינדען א אידישע מלוכה אין ארץ־ישראל. די אידען האבען ניט גע־וואוסט, וואס צו טאן. מאנכע זיינען צוגעשטאנען צו אל־ראי, אבער דער גרויסער רוב האט געווארט אויף נסים. זיי האבען זיך דאן געווענדעט צום רמב"ם, אז ער זאל זיי געבען אן עצה.

דעם רמב"ם'ס „אגרת תימן".

דער רמב"ם האט זיי געענטפערט אין א לאנגען בריף, וואס איז באקאנט אונטער דעם נאמען „אגרת תימן". אין דעם דאזיגען בריף טרייסט דער רמב"ם די תימנ'ער אידען און ראט זיי, אז זיי זאלען ניט פארלירען זייער מוט. זיי זאלען זיך ניט צוהערען צו די רייד און די ראיות פון דעם משומד: „די דאזיגע ראיות זיינען ווי שפינוועבס. דער משומד אליין ווייס, אז זיינע רייד זיינען פאלשע. ער זוכט זיך בלויז אויסצופייניגען פאר די מאכמעדאנער, כדי זיך ארויסצושטעלען פאר א גלוביגען".

זיין מיינונג וועגען די פאלשע משיחים.

וועגען דעם פאלשען משיח זאגט ער:

„עס איז גאר קיין ספק ניטא, אז ער איז משוגע. דעם קראנקען קען מען אבער ניט באשולדיגען אין דעם, וואס ער איז קראנק. די, וואס גלויבען אין איהם, זיינען אויך ניט שולדיג. די צרות האבען זיי געטריבען דערצו... מיין עצה איז, אז מען זאל איהם האלטען פארשפארט ביז וואנען אלע, אויך די אומות העולם, וועלען זיך איבערצייגען, אז ער איז ניט מעהר ווי א משוגע'נער. איהר וועט אויף אזא אופן ראטעווען אי זיך אי איהם, ווארים מיר האבען שוין געגוג געליטען פון די פאלשע משיחים".

דער רמב"ם האט געשריבען פיל בריף און אלע זיי זיינען וויכטיג ניט בלויז דערמיט, וואס מען קען פון זיי לערנען דעם כאראקטער פון דעם מענשען, וואס האט זיי געשריבען. זיי האבען אויך א היסטארישען ווערט. זיי כאראקטעריזירען די שרעקליכע צייט, וועלכע די אידען, וואס זיינען געווען אונטער דער הערשאפט פון די מאכמעדאנער, האבען דורכגעמאכט. בנוגע די רדיפות אויף די אידען זיינען די מאכמעדאנער געווען ניט פיל בעסער, ווי די דאמאלדיגע קריסטען.

דעם רמב"מ'ס בריף זיינען זעהר אינטערעסאנט, אבער דעם רמב"מ'ס גרויסקייט ליגט ניט אין זיי, ניט אפילו אין זיין טעטיג־קייט אלס כלל־טוער. זיין גרויסקייט ליגט אין די גרויסע ווערק, וואס ער האט געלאזען הינטער זיך.

II.

דער רמב"ם אַלס דאָקטאָר.

ווען מען רעדט פון דעם רמב"ם אַלס אַ גרויסען דאָקטאָר, מיינט עס בשום אופן ניט, אַז מען וויל איהם פאַרגלייכען מיט די גרויסע דאָקטוירים פון אונזער איצטיגער צייט. עס זיינען דאַן געווען אַנדערע צייטען און אַנדערע דאָקטוירים. פאַר זיין צייט איז דער רמב"ם געווען איינער פון די גרעסטע דאָקטוירים.

די דאָקטוירים פון יענער צייט.

מען דאַרף ניט פאַרגעסען, אַז אין דעם רמב"מ'ס צייט איז די מעדיצינישע וויסענשאַפט נאָך געווען אין איהר קינדהייט. מען האָט נאָך דאַן כמעט ווי גאָרנישט געוואוסט פון די אַלע וויסענשאַפטען אויף וועלכע די מאָדערנע מעדיצין ווערט באַגרינדעט.

די איינציגע וויסענשאַפט, מיט וועלכער די דאָקטוירים פון יענער צייט זיינען, מעהר אָדער ווייניגער, געווען באַקאַנט, איז געווען אַנאַטאָמיע, — די וויסענשאַפט וואָס גיט זיך אָפּ מיט דעם געבוי פון דעם מענשליכען קערפּער. און דאָס אויך בלויז וועגען יענעם טייל פון אַנאַטאָמיע, וואָס איז באַקאַנט אַלס „גרויס־אַנאַטאָמיע", — מיט דער אַנאַטאָמיע, וואָס מען קען שטודירען מיט דער נאַקעטער אויג. וועגען דער „מיקראָסקאָפּישער אַנאַטאָמיע", וועגען היסטאָלאָגיע, וואָס שטודירט דעם געבוי פון די פאַרשיידענע צעלען, וואָס געפינען זיך אין קערפּער, — וועגען דעם האָבען זיי קיין אַהנונג ניט געהאַט. זיי האָבען פּשוט ניט געהאַט די אינסטרומענטען אויף דעם. זיי האָבען ניט געהאַט דעם מיקראָסקאָפּ. זיי האָבען דאַן אַפילו נאָך ניט געוואוסט פון דער עקזיסטענץ פון „צעלען". דאָס האָט מען זיך ערשט דערוואוסט אין נייגצעהנטען יאָהרהונדערט.

וואָס זיי האָבען געוואוסט און וואָס זיי האָבען ניט געוואוסט.

זיי, די דאָקטאָרען פון יענער צייט, האָבען אויך געהאַט מעהר אָדער ווייניגער באַדייטענדע ידיעות וועגען דער ווירקונג פון געוויסע „דראָגס", פון געוויסע רפואות, זאַלצען און קרייטיכער אויף דעם מענשליכען קערפּער. דאָס האָבען זיי געקראָגען פון דערפאַרונג — פון דער דערפאַרונג פון אומצעהליגע פריהערדיגע דורות, ווי די דאָזיגע דערפאַרונגען זיינען איבערגעגעבן געוואָרן בירושה פון איין דור צום צווייטען. פון דער־

פארונג, למשל, האָבע זיי געוואוסט, אַז ביטער־זאַלץ ווירקט ווי אַן אָפּפיהר־מיטעל. זיי האָבען אָבער ניט געוואוסט דעם פאַר־וואָס און דעם ווי אַזוי. זיי האָבען ניט געוואוסט ניט פאַרוואָס און ניט ווי אַזוי די רפואות ווירקען. זיי האָבען עס ניט געקענט וויסען, ווייל זיי זיינען ניט געווען באַקאַנט מיט דער וויסענשאַפט פון כעמיע. זייער דאַמאָלסטיגע כעמיע איז געווען די „אַל־כעמיע", וואָס האָט געזוכט וועגען און מיטלען, ווי אַזוי צו פאַרוואַנדלען די פּראָסטע מעטאַלען אין גאָלד. אַזוי זוכענדיג, האָבען זיי, אמת, געלעגט די יסודות פון דער איצטיגער כעמיע. אָהן דער „אלכעמיע" וואָלט אפשר קיין כעמיע ניט געווען, אָבער פון אָרגאַנישער און איבערהויפּט פון פיזיאָלאָגישער כעמיע האָ־בען זיי דאַן גאָרניט געוואוסט.

ווי ווייניג יענע דאָקטאָרען האָבען געוואוסט פון פיזיאָ־לאָגיע, פון דער וויסענשאַפט, וואָס באַשעפטיגט זיך מיט די פונקציאָנען פון די פאַרשיידענע אָרגאַנען אין דעם מענשליכען קערפּער, קען מען זעהן דערפון, וואָס זיי האָבען נאָך אפילו ניט געוואוסט, אַז דאָס בלוט צירקולירט ארום אין קערפּער. דאָס איז ענטדעקט געוואָרען פיל שפּעטער, פון האַרווי.

ניט וויסענדיג ניט דעם געבוי פון דעם קערפּער און ניט די פונקציאָנען פון די פאַרשיידענע אָרגאַנען אין קערפּער, האָבען זיי נאַטירליך אויך ניט געקענט וויסען די קראַנקהאַפּטע, די פּאַטאָלאָגישע, ענדערונגען, וואָס קומען פאָר אין דעם קערפּער און אין זיינע פאַרשיידענע אָרגאַנען. מען קען ניט וויסען, וואָס עס איז אַבנאָרמאַל, ווען מען ווייס ניט פריהער וואָס עס איז נאָרמאַל. מען קען ניט וויסען, ווי עס דאַרף ניט זיין, ווען מען ווייס ניט פריהער ווי עס דאַרף זיין.

עס איז איבעריג דאָ צו זאָגען, אַז יענע דאָקטאָרען האָבען ניט געוואוסט פון דער באַקטעריאָלאָגיע, ווייל באַקטעריאָלאָגיע איז אַ וויסענשאַפט פון אונזער צייט, וואָס איז אויסגעוואַקסען און האַלט נאָך אין וואַקסען פאַר אונזערע אויגען.

אַ כלל, יענע דאָקטאָרען האָבען גאַנץ ווייניג געוואוסט פון די אַלע וויסענשאַפטען מיט וועלכע די מאָדערנע מעדיצין איז ענג פאַרבונדען. און דער רמב"ם איז בנוגע דעם ניט געווען קיין אויסנאַהם. ער האָט ניט געוואוסט דאָס, וואָס מען האָט דאַן ניט געקענט וויסען.

דעם רמב"ם'ס צוגאַנג צו מעדיצין איז געווען אַ וויסענ־שאַפטליכער.

און דאָך, אָפּגעזעהן פון דעם אַלעם, קען מען גאַנץ דרייסט זאָגען, אַז דער רמב"ם איז געווען אַ וויסענשאַפטליכער דאָקטאָר אין דעם פולען זין פון דעם דאָזיגען וואָרט. ער איז געווען אַ וויסענשאַפטליכער דאָקטאָר דערמיט, וואָס זיין צוגאַנג צו מעדיצין איז געווען דער צוגאַנג פון אַ וויסענשאַפטס־מאַן. ער האָט ניט באַטראַכט מעדיצין און די הייל־קונסט, ווי עטוואָס וואָס איז פאַרבונדען מיט איבערנאַטירליכע כוחות.

מען דאַרף ניט פאַרגעסען, אַז פאַר אומצעהליגע יאָהר־טויזענדע איז מעדיצין באַטראַכט געוואָרען אַלס אַ מין געהיימ־ניספולע פּראָפעסיע, וואָס באַשעפטיגט זיך מיט געהיימע איבער־נאַטירליכע כוחות. דער פרימיטיווער דאָקטאָר, דער אַזוי־גע־רופענער „מעדיצין־מאַן", איז געווען מעהר ווי אַ דאָקטאָר. ער איז באַטראַכט געוואָרען ווי איינער וואָס שטעהט אין נאָהנטע באַציהונגען מיט די געטער. ער איז געווען ניט בלויז דאָקטאָר, נאָר אויך פּריסט (זעה ספּענסער, סאָציאָלאָגיע, דריטער באַנד, צווייטער קאַפּיטעל).

שפּורען דערפון קען מען אויך געפינען אין די עלטערע טיילען פון דער ביבעל. יעדער וואָס איז געגאַנגען אין חדר און האָט געלערענט „חומש" ווייס, אַז דער „מצורע" פלעגט זיך דאַרפען לאָזען אונטערזוכען פון דעם כוהן. דער כוהן פלעגט באַשטימען צי דער קראַנקער מעג צוריק אריינגעלאָזען ווערען צווישען מענשען אָדער ער מוז נאָך בלייבען אָפּגעזונ־דערט — „מחוץ למחנה". דער כוהן איז עס געווען דער דאָקטאָר.

דער דאָקטאָר אַלס פּריסט.

און וויל דער דאָקטאָר איז געווען כוהן און „גאָטעס־מענש", איז דאָס געהן זיך היילען ביי אַ פרעמדען דאָקטאָר פון אַ פרעמדען פאָלק, וואָס דינט צו אַן אַנדער גאָט, באַטראַכט געוואָרען פאַר אַ גרויסע זינד. דאָס איז געווען גלייך, ווי מען וואָלט געהן דינען אַ פרעמדען גאָט. און טאַקע דערפאַר איז אליהו הנביא אַזוי בייז געוואָרען אויף דעם אידישען קעניג אחזיה, ווען ער האָט אין זיין קראַנקהייט געשיקט שלוחים צום „בעל־זבוב" (זעה מלכים ב', א). דאָס איז געווען גלייך, ווי ער וואָלט פאַרראַטען דעם איינענעם גאָט און אַנערקענען דעם פרעמדען.

דער איינענער גאָט איז נאַטירליך געווען דער אמת'ער גאָט. אַלע פרעמדע געטער זיינען געווען פאַלשע. די פאַלשע געטער

זיינען עם די בייזע און אומריינע כוחות. דער אייגענער גאָט איז אַ גאָט. דער פרעמדער גאָט איז אַ טייוועל, אַ שד — „שדים לא אלוה”...

דער אייגענער און דער פרעמדער דאָקטאָר.

דערפון איז ממילא געדרונגען, אַז דער אייגענער דאָקטאָר, וואָס שטעהט אין פארבינדונג מיט דעם אייגענעם אמת'ן גאָט, איז אַ הייליגער מענש. ער היילט מיט הייליגע כוחות. דער פרעמדער דאָקטאָר, דאַגעגען, וואָס שטעהט אין פארבינדונג מיט די פרעמדע געטער, איז אַ מכשף, אַ כשוף־מאַכער, ער היילט מיט אומריינע כוחות, דורך דעם כוח פון די „ניט־גוטע”.

קראנקהייטען זיינען אלזאָ ניט קיין נאַטיליכע דערשיינונגען. זיי ווערען פאַראורזאַכט דורך איבערנאַטירליכע כוחות. זיי, די קראנקהייטען, קומען אָדער אַלס שטראָף פון די געטער (פון די אייגענע געטער) אָדער אַלס שפּיצעל פון די „ניט־גוטע” (פון די פרעמדע געטער). דער לאָגישער שלוס דערפון איז, אַז קראנקהייטען קענען געהיילט ווערען אויף צוויי וועגען:

1) דורך טעניץ, געזאַנגען, תפילות און קרבנות צו די אייגענע געטער, כדי זיי איבערצובעטען און צוריקהאַלטען זייער צאָרן.

2) דורך קללות, באַשווערונגען און סטראַשונקעס געגען די פרעמדע געטער, געגען די שדים, רוחות און די ניט־גוטע, כדי זיי צו פאַרטרייבען.

דער „מעדיצין־מאַן”, הייסט עס, האָט געקענט היילען קראנקהייטען, ווייל ער האָט געוואוסט מיט וועלכע מיטלען מען קען ווייך מאַכען די הערצער פון די געטער און ער האָט אויך געוואוסט, ווי אַזוי מען קען פאַרטרייבען, מיט דער הילף פון הייליגע שמות, די בייזע גייסטער.

ווי מען פלעגט היילען קראַנקהייטען אין די אַלטע צייטען.

עס איז אמת, אַז דער „מעדיצין־מאַן” פלעגט זיך גאַנץ אָפט באַנוצען מיט זיינע ידיעות וועגען דער ווירקונג פון געוויסע קרייטיכער אויף געוויסע קראַנקהייטען, אָבער דאָס איז געווען זיין אייגענער סוד, וואָס בלויז ער און זיינע נאָהנטע תלמידים האָבען געוואוסט. ביים גרויסען עולם זיינען דער עיקר געווען די טעניץ, די געזאַנגען, די תפילות און די באַשווערונגען און אָפּשפּרעכונגען.

אַזוי איז עס געווען פאַר אומצעהליגע טויזענדער יאָהרען. אויף אַזוי וויט ווי מיר ווייסען, איז דער ערשטער דאָקטאָר,

וואָס האָט פון די אַלע משוגע'נע טענץ גיט געוואָלט וויסען, געוועזן דער גריכישער דאָקטאָר היפּאָקראַטוס. ער איז געוועזן דער ערשטער, וואָס האָט אָנגעפאַנגען צו באַטראַכטען קראַנקהייטען אַלס נאַטירליכע דערשיינונגען, וואָס ווערען אַרויסגערופען פון נאַטירליכע אורזאַכען און דאַרפען געהיילט ווערען מיט נאַטירליכע מיטלען. דערפאַר טאַקע ווערט ער באַטיטולט מיט דעם נאָמען „דער פאָטער פון מעדיצין”. נאָך איהם זיינען געקומען גאַלען און אַנדערע, וואָס האָבען ווייטער פאָרטגעזעצט די אַרבייט פון היפּאָקראַטוס'ען. די אַראַבער, אין דער גלאַנץ־עפּאָכע פון זייער קולטור, האָבען געהאַט אַ רעכט ביסעל דאָקטאָרען, ווי אַוויסענאַ, צום ביישפּיל, וואָס האָבען שוין מעהר ניט געגלויבט אין דער גבורה פון „מאַגיק”, פון כשוף און באַשווערונגען צו היילען קראַנקהייטען. דאָס זיינען אָבער געווען אויסנאַהמען. דער עולם האָט נאָך אַלץ געגלויבט אין „מאַגיק”, און די מעהרסטע דאָקטאָרען זיינען געווען מאַגיקער.

דער רמב"ם אַ תלמיד פון היפּאָקראַטוסען.

דער רמב"ם איז בנוגע דעם געווען אַ תלמיד מובהק פון היפּאָקראַטוס, גאַלען און אַוויסענאַ. ער האָט געזוכט די נאַטירליכע אורזאַכען פון די קראַנקהייטען. ער האָט ניט געוואָלט וויסען פון קיינע איבערנאַטירליכע כוחות. ער האָט זיך אויסגעלאַכט פון קמיעות, השבעות און אָפּשפּרעכונגען. זיין כלל איז געווען: קראַנקהייטען ווערען אַרויסגערופען פון נאַטירליכע אורזאַכען און זיי מוזען געהיילט ווערען מיט נאַטירליכע מיטלען. קורץ, דעם רמב"מ'ס צוגאַנג צו מעדיצין איז געווען אַ וויסענשאַפטליכער.

עס איז לייכטער צו פאַרהיטען קראַנקהייטען איידער זיי צו היילען.

די וויכטיגסטע אויפגאַבע פון מעדיצין איז, לויט דעם רמב"ם, ניט אַזוי צו היילען קראַנקהייטען ווי זיי צו פאַרהיטען. עס איז לייכטער זיך אויסצוהיטען פון אַ קראַנקהייט, ווי איהר צו היילען. מעדיצין דאַרף לערנען דעם מענשען, ווי ער זאָל זיך אויפפיהרען היגיעניש און דיעטעטיש, כדי ער זאָל זיין געזונט און פעהיג צו טאָן זיין אַרבייט, און דערביי אויך פאַרלייננערען זיין לעבען. „צווישען טויזענד מענשען”, זאָגט דער רמב"ם, „געפינט זיך בלויז איינער, וואָס שטאַרבט אַ נאַטירליכען טויט. די איבריגע שטאַרבען פאַר זייער צייט צוליב זייער אומוויסענהייט, ווייל זיי ווייסען ניט ווי זיך אויפצופיהרען”.

דאָ קומט זיך דער רמב"ם צוזאַמען מיט דער מיינונג פון דער מאָדערנער מעדיצין.

פארשטעהט זיך, אז ניט אלע פון זיינע היגיענישע כללים קענען אויסהאלטען א וויסענשאפטליכע קריטיק, לויט דעם איצ־טיגען צושטאנד פון דער מעדיציינישער וויסענשאפט, אָבער דאָס איז פון קלענערער וויכטיגקייט. מען דאַרף געדיינקען די צייט אין וועלכער דער רמב״ם האָט געלעבט. בעסער האָט מען דאַמאָלס ניט געוואוסט. וויכטיג איז, וואָס זיין צוגאַנג צו דער פּראָבלעם פון מעדיצין איז געווען א וויסענשאַפטליכער.

איך וועל דאָ איבערגעבען בקיצור מאַנכע פון דעם רמב״מ׳ס כללים, ווי אַזוי זיך צו פּיהרען, כדי זיך צו פאַרהיטען פון קראַנקהייטען.

די דיעטעטישע און היגיענישע כללים פון רמב״ם.

דער רמב״ם פאַנגט אָן דערמיט, אז עס איז זעהר וויכטיג צו אָפּהיטען די געזונדהייט פון דעם גוף, ווייל מיט א קראַנקען גוף קען מען אפילו גאָט ניט דינען ווי געהעריג. גאָט אליין, הייסט עס, וויל אז דער מענש זאָל האָבען א געזונטען גוף. עס איז נויטיג צו האָבען א געזונטען גוף, כדי צו קענען האָבען א געזונטע נשמה און א קלאָרען שכל.

„דעריבער״, זאָגט דער רמב״ם, „דאַרף זיך דער מענש דערווייטערען פון זאַכען, וואָס זיינען שעדליך פאַר דעם גוף און טאָן די זאַכען, וואָס מאַכען געזונט און שטאַרק (המחלימין והמברין) דעם גוף, און דאָס זיינען זיי:

„א מענש זאָל עסען בלויז דאַן, ווען ער איז הונגעריג און טרינקען בלויז דאַן, ווען ער איז דאָרשטיג.

„ער זאָל זיך ניט צוריקהאַלטען פון זיינע נאַטירליכע באַ־דערפניסען אפילו אויף איין מינוט, ער זאָל באַלד געהן.

„א מענש זאָל נישט איבערפילען זיין מאָגען. עס איז גלייכער, אז ער זאָל עסען אויף א פערטעל ווייניגער, ווי עס ווילט זיך איהם.

„א מענש זאָל ביים עסען ניט טרינקען צופיל. ער מעג נעמען אביסעל וואַסער מיט עטוואָס ווייַן. ערשט ווען די שפּייז פאַנגט אָן צו ווערען פאַרדייעט, דאַן קען ער טרינקען מעהר וואַסער, אָבער אויך ניט צופיל.

נאָכ׳ן עסען דאַרף א מענש עטוואָס רוהען. זאָל ער זיצען אָדער עטוואָס זיך צובויגען אויף דער לינקער זייט. ניט געהן, ניט לויפען, ניט רייטען. דער וואָס מאַטערט זיך אָן באַלד נאָכ׳ן עסען, ברענגט אויף זיך שווערע קראַנקהייטען.

„עס איז גענוג פאַר א מענשען צו שלאָפען אכט שטונדען

אין אַ מעת־לעת (מעסלעס). ער זאָל ניט שלאָפען ניט אויפ׳ן בויך און ניט אויפ׳ן רוקען. ער זאָל די ערשטע האלבע נאכט שלאָפען אויף דער לינקער זייט און די צווייטע האלבע נאכט אויף דער רעכטער, און ער זאָל זיך ניט לייגען שלאָפען גלייך נאָכ׳ן עסען.

„פרוכטען, וואָס מאכען דעם מאָגען לויז, ווי טרויבען, פייגען און דערגלייכען, זאָל מען עסען פאר׳ן מאָהלצייט. פרוכטען, וואָס מאכען דעם מאָגען הארט, זאָל מען עסען ווייניג און נאָכ׳ן מאָהלצייט.

„אין די היצען איז בעסער צו עסען קאַלטע שפייזען און וואָס ווייניגער געווירצט (ולא ירבה בתבלין). אין די קעלטערע צייטען (ימות הגשמים) דארף די שפייז זיין ווארם און געווירצט.

„אלטע געזאלצענע פישען, אלטע געזאלצענע קעזען און אלטע געזאלצענע פליישען דארף אַ מענש קיינמאָל ניט עסען. אלע שפייזען, וואָס האָבען אַ שלעכטען גערוך אָדער זיי זיינען צו ביטער, זיינען פאר דעם גוף ווי גיפט.

„איין מאָל אין זיבען טעג זאָל אַ מענש געהן אין מרחץ. ער זאָל אהין ניט געהן באַלד נאָכ׳ן עסען און אויך ניט ווען ער איז הונגעריג. פריהער זאָל ער אָפוואשען דעם גאנצען קער־פער מיט ווארעמע, ניט צו־הייסע וואסער. דעם קאָפּ מעג ער וואשען מיט הייסערע וואסער. דאן זאָל ער זיך וואשען מיט לעבליכע וואסער און ענדליך מיט קאַלטע. ארויסגעהענדיג פון מרחץ, זאָל ער זיך ווארים באקליידען, כדי ער זאָל זיך ניט צו־קיהלען. ער דארף זיין פאָרזיכטיג אפילו אום זומער. ארויס־געהענדיג זאָל ער זיך אביסעל צוזעצען און אָפּרוהען, כדי ער זאָל זיך אָפּקיהלען. ערשט ווען ער האָט זיך אָפּגערוהט, קען ער עסען. אויב ער קען כאַפּען אַ קורצען דרעמעל פאר׳ן עסען איז אודאי גוט. ער זאָל ניט טרינקען קיין קאַלט וואסער, ווען ער געהט ארויס פון מרחץ, און אויב ער איז זעהר דאָרשטיג, זאָל ער דאָס וואסער מישען מיט עטוואָס וויין אָדער האָניג. אין די קאַלטע צייטען פון יאָהר איז גוט זיך איינצורייבען מיט בוימעל נאָכ׳ן ארומוואשען זיך.

„דער וואָס וועט זיך אזוי אויפפיהרען", ענדיגט דער רמב"ם, „קען איך איהם פארזיכערען, אז ער וועט אויסמיידען פילע קראנקהייטען און וועט דערלעבען אַ הויכען עלטער. ער וועט ניט דארפען אָנקומען צו דאָקטוירים. פארשטעהט זיך,

אז דאָס אַלץ איז געזאָגט געוואָרען פאַר דעם געזונטען מענשען. דער קראַנקער מענש זאָל בעסער געהן צו אַ דאָקטאָר, וועלכער וועט איהם זאָגען, ווי ער דאַרף זיך אויפפיהרען לויט זיין קראַנקהייט".

דעם רמב"ם'ס מיינונג וועגען דער מעדי־צינישער פּראָפעסיע.

דער רמב"ם האָט געהאַט אַ הויכע מיינונג וועגען דער מעדיצינישער פּראָפעסיע. ווי דער תלמוד, אַזוי האַלט אויך דער רמב"ם, אַז אַ מענש טאָר ניט וואוינען אין אַ שטאָדט, וואו עס איז ניטאָ קיין דאָקטאָר. דער דאָקטאָר דאַרף אָבער זיין אַ געלעהרטער מענש און גאַנץ גוט וויסען זיין פאַך. „די מעהרסטע דאָקטוירים", זאָגט ער, „האָבען אַ טעות אין זייער היילען. זיי ווילען העלפען די נאַטור, אָבער מיט זייערע רפואות טוען זיי דאָס פאַרקעהרטע. זיי שוואַכען אָפּ דעם קערפּער".

דער דאָקטאָר דאַרף נעמען זיין פּראָפעסיע זעהר ערנסט. ער טאָר זיך ניט אָפּזאָגען, ווען מען נויטיגט זיך אין זיין הילף. „דער וואָס ענטזאָגט זיך צו געבען זיין הילף, ווען מען נויטיגט זיך אין איהר, אָדער דער וואָס פּראַקטיצירט מעדיצין ניט שטודירענדיג גענוג די קראַנקהייט פון זיין פּאַציענט, איז גע־גליכען צו אַ מערדער". אין אַ בריף צו זיין באַליבטען תלמיד, ר' יוסף עקנין, שרייבט ער: „דו ווייסט, ווי שווער די דאָזיגע פּראָפעסיע איז פאַר איינעם, וואָס איז געוויסענהאַפט און עהרליך. ער גיט בלויז אַזעלכע עצות, וואָס ער קען באַגרינדען מיט אַרגו־מענטען אָדער דורך אַנערקענטע אויטאָריטעטען".

דער רמב"ם האָט זיך דערוואָרבען אַ גרויסע פּראַקטיק. ווי גרויס זיין פּראַקטיק איז געווען, קען מען זעהן פון אַ בריף, וואָס ער האָט געשריבען צו ר' שמואל אבן־תבון, דער איבער־זעצער פון דעם „מורה נבוכים". ער שרייבט:

„איך בין אַזוי פאַרנומען אַז איך האָב פּשוט קיין צייט ניט צו עסען. פון מיין הויז צום סולטאַנ'ס הויף איז אַ מהלך פון בערך צוויי תחום־שבת'ען. גלייך ווי איך שטעה אויף, מוז איך באַזוכען דעם קעניגליכען הויף. פּאַסירט, אַז איינע פון זיינע פרויען אָדער באַדינער איז קראַנק, קען איך שוין דעם גאַנצען טאָג ניט פאַרלאָזען דעם פּאַלאַסט. און אפילו דאַן, ווען אַלע זיינען געזונט, קען איך ניט קומען אַהיים פאַר מיטאָג. קומענדיג אַהיים אויסגעמאַטערט און הונגעריג, געפין איך די עמפּפאַנג־צימערען געפּאַקט מיט אַלערליי חולאים. צווישען זיי געפינען זיך מאָהאַמעדאַנער, קריסטען, אידען, באַאַמטע און

איינפאכע בירגער, רייכע און אָרעמע. זיי אַלע וואַרטען אויף מיר. איך קריך אַראָפּ פון פערד, וואַש זיך אָרום, שטיל עטוואָס דעם הונגער און גייה אַרויס צו זיי. דאָס אויסהערען יעדען איינעם און דאָס פאַרשרייבען די רעצעפּטען נעמט ביי מיר אַוועק זעהר פיל צייט. גאַנץ אָפט בין איך דערמיט פאַרנומען ביז צוויי אין דער נאַכט. עס טרעפט ניט זעלטען, אַז איך ווער פון דעם אַזוי אויסגעמאַטערט, אַז איך האָב מעהר קיין כוח ניט צו זיצען אָדער שטעהן. איך ציה זיך דאַן אויס אויף מיין בעט און הער אויס די פּאַציענטען ליגענדיג. דער איינציגער טאָג, ווען איך קען רוהען, איז דער טאָג פון שבת".

דער רמב"ם האָט אָנגעשריבען אַ רעכט ביסעל קלענערע און גרעסערע אָפּהאַנדלונגען וועגען מעדיצינישע געגענשטאַנדען. ביז איצטער זיינען באַקאַנט אַכטצעהן אַזעלכע אָפּהאַנדלונגען. די מעהרסטע פון זיי זיינען איבערזעצט געוואָרען אין העברייאיש, אָבער ניט אַלע זיינען געדרוקט. אַ טייל פון זיי זיינען נאָך אין מאַנוסקריפּטען און געפינען זיך אין פאַרשידענע ביבליאָטעקען.

דער רמב"ם האָט זיך אָבער ניט באַנוגענט מיט זיינע ספּעציעל־געשריבענע מעדיצינישע ספרים. ער האָט זיינע מעדי־צינישע עצות, זיינע כללים וועגען היגיענע און דיעטע, אויך אַריינגעשטעלט אין זיינע אַנדערע ספרים. אַ היבשע ביסעל פון די דאָזיגע מעדיצינישע עצות געפינען זיך, צום ביישפּיל, אין זיין „יד־החזקה" אָדער „משנה תורה", אין דער פאָרם פון דינים.

* * *

ווי גרויס דעם רמב"מ'ס אויפטו אַלס דאָקטאָר זאָל ניט געווען זיין, קען עס בשום אופן ניט פאַרגליכען ווערען מיט זיינע אומגעהויערע פאַרדינסטען אַלס תלמודיסט און פילאָזאָף. זיין גרויסקייט אַלס דאָקטאָר איז בלויז געווען פאַר זיין צייט און האָט אַ גאַנץ קליינע היסטאָרישע באַדייטונג. אַלס תלמודיסט און פילאָזאָף איז ער אָבער געווען אַן עפּאָכע־מאַכער, וועמעס ווירקונג און איינפלוס עס האָט זיך געצויגען אויף יאָהרהונדערטע.

III.

דער רמב"ם אַלס תּלמודיסט

דער צוגאַנג פון דעם רמב"ם צום תּלמוד, און צו תּלמודישע ענינים בכלל, איז געווען דער צוגאַנג פון אַ וויסענשאַפטסמאַן אָדער, אום צו זיין פּינקטליכער, — פון אַ ראַציאָנאַליסט.

דעם רמב"ם'ס צוגאַנג צום תּלמוד.

ווען מען רעדט וועגען דעם רמב"ם און מען וויל פאַרשטעהן זיין געדאַנקען־גאַנג, דאַרף מען געדענקען, אַז ער איז פריהער פאַר אַלץ און שפּעטער פאַר אַלץ, אַלע מאָל און שטענדיג, געווען אַ ראַציאָנאַליסט, — אַ מענש, וואָס פאַרלאָזט זיך אויפ'ן מענשליכען שכל און בויט אויף איהם זיין בנין, זיין גאַנצע לעבענס־ און וועלט־פילאָזאָפיע. דער רמב"ם האָט געהאַט אַ גרוים גלויבען אין די גרויסע מעגליכקייטען פון דעם מענשליכען שכל, — איבערהויפּט אין דעם הויך־ענטוויקעלטען שכל פון געלעהרטען און פילאָזאָף. לויט זיין מיינונג, איז דער מענשליכער שכל דאָס העכסטע און דאָס גרעסטע, וואָס דער מענש פאַרמאָגט. דער לאָגישער שלוס פון אַזאַ גלויבען איז, אַז דער שכל דאַרף און זאָל זיין דער העכסטער ריכטער פון אמת. ניטאָ קיין אַנדער אמת אַחוץ דעם אמת, וואָס דער שכל איז מחייב. אַלץ, וואָס געהט געגען שכל קען שוין דערפאַר אַליין ניט זיין אמת. אמת און שכל זיינען ווי אַן אומטיילבאַרער צווילינג.

אמונה און שכל.

דער רמב"ם איז אַ ראַציאָנאַליסט אפילו בנוגע זאַכען פון רעליגיע. צווישען די גרויסע פאָרשטעהער פון רעליגיע בכלל און פון דער קריסטליכער רעליגיע בפרט האָבען זיך געפונען מענשען, וואָס האָבען געזוכט אָפּצוטיילען די אמונה פון דעם שכל. אמונה און שכל זיינען צוויי גאַנץ באַזונדערע זאַכען, צוויי גאַנץ באַזונדערע מענשליכע אייגענשאַפטען, וואָס האָבען איינער מיט דעם אַנדערען קיין שום שייכות ניט. אמונה מוז נישט זיין שכל'דיג. זי דאַרף ניט האָבען די הסכמה פון דעם שכל. זי איז עטוואָס פאַר זיך אַליין. סט. פּאָול אין זיין בריף צו די קאָרינטהיער (ערשטער קאַפּיטעל) מאַכט חוזק פון דעם מענשליכען שכל. די וועלט קען ניט „דערלייזט" ווערען דורך חכמה. „גאָט האָט באַשלאָסען צו ראַטעווען די וועלט דורך דער נאַ־

רישקייט פון אונזער פרידיגן" (קאָרינטהיער 1, 21). דעם זעל־בען געדאַנק, אין אַנדערע ווערטער, זאָגט אויך אַרויס סט. אויגוס־טין: „איך גלויב, ווייל עס איז נאַריש". לויט דער מיינונג פון די דערמאָנטע פאַרשטעהער פון רעליגיע, און זיי זיינען ווייט ניט די איינציגע, שטעהט די נאַרישקייט פון דער אמונה אויף אַ העכערער מדרגה, ווי די חכמה פון דעם מענשליכען שכל. אמונה, הייסט עס, פאַנגט זיך אָן דאָרטען, וואו דער מענשלי־כער שכל ענדיגט זיך, — וואו דער מענשליכער שכל קען ניט דערגרייכען.

עס איז דאָ בלויז איין אמת.

דער רמב"ם, להבדיל, ווי אַן אמת'ער ראַציאָנאַליסט, ווייל פון אַזאַ מין טאָפּעלטקייט, פון אַזאַ מין דואַליזם, ניט וויסען, ס'זיינען ניטאָ קיין צוויי אמת'ן, דער אמת פון שכל און דער אמת פון דער אמונה. עס איז דאָ בלויז איין־איינציגער אמת, און דעריבער מוז דער אמת פון דער אמונה זיין אין איינקלאַנג מיט דעם אמת פון שכל.

דער רמב"ם איז פרום און רעליגיעז, אָבער זיין פרומקייט און רעליגיעזיטעט איז אונטערוואָרפען אונטער דער „הערשאַפט פון שכל", צו געברויכען אחד־העמ'ס אַן אויסדרוק. דער שכל איז דער עיקר. דער שכל איז מאַסגעבענד. און אויב עס גע־פינען זיך אין די הייליגע ספרים געוויסע אויסדרוקען און באַ־הויפּטונגען, וואָס שיינען אויבערפלעכליך צו זיין געגען דעם שכל, נעמט זיך עס דערפון, וואָס מיר פאַרשטעהען ניט גענוי דעם באַדייט פון יענע אויסדרוקען אָדער באַהויפּטונגען. מען דאַרף וויסען, ווי אַזוי זיי אויסצוטייטשען. און דער רמב"ם, וועלכער איז אפשר געווען דער גרעסטער אויסטייטשער, טייטשט זיי אויס אויף אַזאַ אופן, אַז זיי זאָלען שטימען מיט דעם שכל. אַ גרוי־סער טייל פון זיין „מורה נבוכים" (דער וועג־ווייזער פאַר די פאַר־בלאָנדזשעטע) איז פאַרנומען מיט אַזעלכע אויסטייטשונגען.

אומקעהרענדיג זיך צום ענין. דער רמב"ם איז אַ ראַציאָנאַ־ליסט. דאָס מיינט, נאַטירליך ניט, אַז ער איז אין זיינע אויס־פיהרונגען געגאַנגען אַזוי ווייט, ווי די מאָדערנע תלמוד־פאָרשער. דאָס איז פאַר יענער צייט פשוט געווען אַן אונמעגליכקייט. ער איז אָבער, אָהן צווייפעל, געווען איינער פון די ערשטע און גרעסטע תלמודיסטען, וואָס האָבען געשטודירט דעם תלמוד אויף אַ וויסענשאַפטליכען אופן.

* * *

דער רמב״ם האָט זעהר פיל געשריבען וועגען תלמודישע ענינים. ווען ער איז נאָך גאָר געווען א גאַנץ יונגער מאַן, האָט ער שוין געשריבען קאָמענטאַרען (פירושים) אויף די דריי סדרים „מועד", „נשים", „נזיקין" און אויף די מסכת „חולין". די דאָזיגע קאָמענטאַרען, וועלכע דער רמב״ם דערמאָנט אין זיין פירוש אויף דער משנה, זיינען פאַרלאָרען געגאַנגען און מיר וויי־סען גאָרנישט וועגען זיי. די וויכטיגסטע פון זיינע תלמודישע ווערק, וואָס זיינען איהם פון געבליבען, זיינען זיין פירוש אויף דער משנה און זיין „משנה תורה" אָדער „יד החזקה".

דעם רמב״ם׳ס פירוש אויף דער משנה.

זיין פירוש אויף דער משנה האָט דער רמב״ם פאַרענדיגט, ווען ער איז אַלט געווען בלויז דריי־און־דרייסיג יאָהר. אָבער שוין דאָרטען, אין דעם דאָזיגען פירוש, אין זיין יוגענד־ווערק, זעהט מען אַרויס דעם צוקונפטיגען רמב״ם, דעם גרויסען, שטאָל־צען און זעלבסט־באַוואוסטען גאון, וואָס איז ביי זיך אַזא תקיף און אַזוי זיכער אין זיינע מיינונגען און איבערצייגונגען. שוין דאָ, יונג ווי ער איז געווען, האָט ער זיך דערלויבט צו זאָגען: „און מאַנכע פון די גרעסטע גאונים האָבען דעם ענין ניט פאַר־שטאַנען". שוין דאָ ערלויבט ער זיך צו געבען אַן אַנדער פירוש אויף געוויסע משנות, ווי די גאונים, וואָס האָבען געלעבט פאַר איהם. נאָך מעהר, מאַנכע משנות ערלויבט ער זיך צו ערקלערען אַנדערש, ווי דאָס ערקלערט די גמרא. דער באַקאַנטער געלעהרטער וויס ברענגט אייניגע אַזעלכע ביישפּילען אין זיין „תולדות הרמב״ם". ער האַלט זיך אויך ניט צוריק פון צו שרייבען דאָרטען וועגען אַזעלכע זאַכען, וואָס אַנדערע, עלטערע פאַר איהם, האָבען געזוכט אויסצומיידען. אין זיין פירוש אויף דער משנה קען מען שוין געפינען די קערנדלאַך פון זיין שפּעטער־דיגער פילאָזאָפיע. דאָרטען געפינען זיך שוין כמעט אַלע יענע געדאַנקען און מיינונגען, וואָס ער האָט שפּעטער ברייטער און טיפער, גרינדליכער און סיסטעמאַטישער אַרויסגעזאָגט אין זיין „משנה תורה" און איבערהויפּט אין דעם „מורה נבוכים".

זיין פירוש אויף דער משנה האָט דער רמב״ם געשריבען אויף אַראַביש, א שפּראַך, וואָס די אידישע מאַסען פון יענע גע־גענדען האָבען דאַן געברויכט. דער רמב״ם האָט געוואָלט, אַז אפילו דער פּראָסטער עולם, וואָס קען ניט קיין העברעאיש, זאָל איהם קענען פאַרשטעהן. שפּעטער האָט ער אויף דעם חרטה געהאַט, ווייל אַראַביש איז דאָך נאָך אַלעמען געווען די

שפּראַך פון בלויז אַ טייל פון דעם אידישען פאָלק. די איינציגע שפּראַך, וואָס האָט פאַרבונדען די אַלע פאַרשיידענע טיילען פון דעם אידישען פאָלק, אין זייערע פאַרשיידענע גלות־לענדער, איז געווען העברעאיש. דער רמב״ם איז דעריבער שטאַרק צופרידען געווען, ווען מען האָט זיך גענומען צו איבערזעצען זיין פּירוש אויף דער משנה פון אַראַביש אויף העברעאיש.

וואָס דער רמב״ם האָט באַצוועקט מיט זיין פּירוש אויף דער משנה.

מיט זיין פּירוש אויף דער משנה האָט דער רמב״ם, לויט ווי ער ערקלערט אַליין אין זיין הקדמה, זיך געשטעלט די פאָלגענדע אויפגאַבען:

1) מען זאָל קענען פאַרשטעהן די כוונה פון דער משנה אָהן די דיסקוסיעס און פּלפּולים פון דער גמרא.

2) מען זאָל פון דער משנה אַליין קענען וויסען דעם קלאָרען דין, — די „הלכה״.

3) דער פּירוש זאָל דינען ווי אַן איינלייטונג פאַר דעם אָנ־פאַנגער, וועלכער וועט דורך דעם בעסער קענען פאַרשטעהן די גמרא.

4) פאַר דעם למדן, וואָס האָט שוין געשטודירט און ווייסט דעם תלמוד, וועט דער פּירוש דינען אַלס אַ קיצור פון דעם תלמוד. ער וועט אין דעם פּירוש האָבען פאַר זיינע אויגען דעם תמצית און וועט בעסער געדענקען.

אין זיין הקדמה שרייבט ער: „פרעגט דעם גרעסטען גאון, אַז ער זאָל זאָגען דעם דין פון דער משנה, וועט ער ניט קענען, סיידען ער געדענקט אויסווייניג די גאַנצע גמרא. און אַזוי ווי אַ מענש קען ניט וויסען דעם גאַנצען תלמוד אויסווענינג, איז ער געצוואונגען צו געהן נאָכזוכען און אויסגעפינען, וואָס די גמרא האָט וועגען דעם צו זאָגען. דערצו טרעפט נאָך, אַז איין־איינציגע הלכה ווערט ערקלערט אין פיר אָדער פינף דפים (זייטען). די פראַגען זיינען דאָרטען פאַרפּלאָנטערט איינע אין די אַנדערע און פול מיט דיסקוסיעס, מיט קשיות און תירוצים. בלויז ספּעציאַ־ליסטען אין תלמוד קענען פון דאָרטען אַרויסקריגען דעם דין״. דער רמב״ם האָט אין זיין פּירוש אויף דער משנה דעריבער גע־זוכט אויסצומיידען די איבעריגע פּלפּולים פון דער גמרא.

פיל וויכטיגער און פון פיל גרעסערער באַדייטונג ווי דעם רמב״מ׳ס פּירוש אויף דער משנה, איז זיין גרויס ווערק, די גרעס־טע וואָס ער האָט אָנגעשריבען, זיין „משנה תורה״ אָדער „יד־החזקה״. דאָס דאָזיגע ווערק זיינם האָט דער רמב״ם געשריבען,

ווען ער איז שוין געווען אין די הויכע מיטעלע יאָהרען, פול־שטענדיג רייף און ענטוויקעלט, באריהמט אלס גרויסער תלמודיסט, געלעהרטער און פילאָזאָף.

דעם רמב״ם׳ס מייסטער־ווערק — די „משנה תורה״.

צעהן יאָהר האָט ער געארבייט אויף דעם דאָזיגען ווערק. צעהן יאָהר איז א היבשע צייט, אָבער דער וואָס איז באקאנט מיט דעם ווערק וואונדערט זיך גיכער, ווי אזוי ער האָט איהם געקענט פארטיג מאכען אין אזא קורצער צייט, בפרט ווען ער איז דערצו נאָך געווען שטארק באשעפטיגט אלס דאָקטאָר און כלל־טוער.

די שפּראַך פון דער „משנה תורה״.

די „משנה־תורה״ האָט דער רמב״ם געשריבען אויף העב־רעאיש, ניט אויף דעם העברעאיש פון די „משכילים״ פון לעצ־טען יאָהרהונדערט, וואָס איז געווען פול מיט אלערליי פוסטע מליצות, נאָר אויף דעם אזוי גערופענעם „ניי־העברעאיש״ פון דער משנה, וואָס איז קלאָהר, פינקטליך און אָהן שום מליצות, ווי א געזעץ־בוך דארף געשריבען ווערען.

אין דעם רמב״ם׳ס „משנה תורה״ קען מען ארויסזעהן די געוואלדיגע סיסטעמאטישקייט פון זיין שכל. די דאָזיגע ווערק איז אָהן שום ספק איינע פון די וואונדערבארסטע געביידען פון דער גאנצער תלמודישער ליטעראטור. זי איז וואונדערבאר סאי לויט איהר געבוי, לויט איהר סדר און פלאַן, און סאי לויט איהר אינ־האלט און שפּראַך. זי איז וואונדערבאר אין איהר פולשטענדיג־קייט, אין איהר אויסגעהאלטענקייט, אין איהר איינהייטליכקייט און אין איהר גאנצקייט. זי איז א מייסטערווערק. מען זעהט אין איהר די ארבייט פון א מייסטער־ארכיטעקט, וואָס האָט אלץ אויסגערעכענט פון פריהער און אלץ אויסגעפּלאַנעוועט פון פאָר־אויס. ער האָט פאר זיינע גייסטיגע אויגען געהאט דעם גאנצען בילד פון דער געביידע, מיט אלע איהרע איינצעלהייטען, נאָך איידער ער האָט איהר אָנגעפאנגען צו בויען. אפילו זיינע ביטערסטע געגנער, ווי דער „דריטער ראב״ד״, האָבען געמוזט צו־געבען, אז ער האָט אויפגעטאָן א גרויסע ארבייט.

דער מאַטע־ריאַל פאַר דער „משנה־תורה״.

אלס מאטעריאל פאר זיין „משנה־תורה״, האָט זיך דער רמב״ם באנוצט מיט דער גאנצער גרויסער תלמודישער ליטע־ראטור: דיביידע תלמודים (דער „בבלי״ און „ירושלמי״), דער „ספרא״, „ספרי״, „מכלתא״, ווי אויך מיט די שריפטען פון די גאונים און מיט די ווערק פון „אלפס״ און ר׳ יוסף אבן מיגש. דעם דאָזיגען מאטעריאל האָט ער דורכגעזוכט, דורכגעזיפּט און

סאָרטירט. און בלויז דאָס וואס איז איהם געפעלען געוואָרען, וואָס האָט געשטימט מיט זיינע אייגענע אַנזיכטען און מיינונגען האָט ער אריינגענומען אין זיין ווערק. געוויסע מעדיצינישע כללים, געוויסע סגולות געגען עין־הרע, אַלערליי אבערגלויבענס וועגען שדים און רוחות, וואָס געפינען זיך אין תלמוד און וואָס האָבען ניט געשטימט מיט זיינע וויסענשאַפטליכע און פילאָ־זאָפישע אַנזיכטען האָט ער אויסגעלאָזען. ער האָט זיך דער־ביי ניט געשעמט צו זאָגען, אז זיי זיינען שטותים. זיין כלל איז געווען: „די אויגען קוקען פאָראויס און ניט ריקווערטס". דעם רמב"ם'ס משנה תורה איז, אויב מען קען זיך אַזוי אויסדריקען, דעם רמב"ם'ס פערזענליכקייט — א סינטעז פון זיינע תלמודישע ידיעות און זיינע פילאָזאָפישע אַנזיכטען. ער האָט זיך ניט באַ־נוגענט דערמיט, וואָס ער האָט צוזאַמענגעקליבען און סיסטע־מאַטיזירט די הלכות פון דעם תלמוד. ער האָט אין זיין משנה תורה אויך אַריינגעשטעלט זיינע פילאָזאָפישע אַנזיכטען אלס באַשטימטע הלכות, וואָס דאָס איז, אגב, געווען איינע פון די אורזאכען, וואס האָבען שפּעטער געפיהרט צו גרויסע מחלוקת.

* * *

דער פּלאַן פון דער „משנה"

ביים צוזאַמענשטעלען זיין „משנה תורה" האָט זיך ניט דער רמב"ם ביים סדר פון דער משנה און דעם תלמוד, ווי דאָס האָט, למשל, געטאָן דער „אלפס". דער רמב"ם האָט זיך זיין אייגענעם סדר און זיין אייגענעם פּלאַן. די „משנה תורה" איז ביי איהם איינגעטיילט אין פערצען ספרים אָדער ביכער. יעדער בוך איז איינגעטיילט אין קאַפּיטלען און יעדער קאַפּיטעל איז ווידער איינגעטיילט אין פּאַראַגראַפען אָדער „סעיפים".

דער ערשטער „ספר" אָדער אָפּטיילונג הייסט „ספר־המדע" (דאָס בוך פון וויסען). דאָרטען גיט ער איבער כמעט זיין גאַנצע פילאָזאָפישע שיטה, אָבער ניט אין דער פאָרמע פון פילאָזאָפישע דיסקוסיעס און באַווייזען, נאָר אין דער פאָרמע פון דינים, פון הלכות. דער גלויבען אין איין איינציגען, אומקערפּערליכען גאָט, למשל, ווערט ביים רמב"ם א דין, ווי אַלע אַנדערע דינים, אחוץ וואָס ער, דער דאָזיגער דין, איז דער וויכטיגסטער פון אַלע אַנדערע דינים.

דעם ערשטען פּאַראַגראַף פון דעם בוך פון וויסען (ספר המדע) פאַנגט דער רמב"ם אָן מיט די פאָלגענדע ווערטער: „דער

פונדאמענט פון אלע פונדאמענטען (יסוד כל היסודות) און דער זייל פון די חכמות איז צו וויסען, אז עס געפינט זיך אן ערשטע סיבה („מצוי ראשון"), וואס איז די אורזאך פון אלץ וואס עק־זיסטירט. דאס איז א חיוב און דאס איז דער גרויסער עיקר אויף וואס אלץ הענגט".

אין דעם זעלבען בוך אדער אפטיילונג ווערט אויך גערעדט וועגען דער איינהייט און אומקערפערליכקייט פון גאט, ווי אויך וועגען די אנדערע עקרים פון דער אמונה. און אלץ, וואס דער רמב"ם האט וועגען דעם צו זאגען, זאגט ער אין דער פארמע פון דינים.

דעם רמב"ם'ס עיקרים.

דער רמב"ם איז ניט דער ערשטער און ניט דער איינציגער ביי אידן, וואס האט גערעדט וועגען די עיקרים אדער גרונט־פרינ־ציפען פון דער אידישער אמונה. עס זיינען געווען אנדערע פאר איהם (זעה „תולדות העיקרים בישראל", פון פראפעסאר ניי־מארק). דער רמב"ם איז אבער געווען דער ערשטער, וואס האט זיי, די דאזיגע עיקרים, געשטעלט אלס פעסטע הלכות, וואס האט פון זיי געמאכט רעליגיעזע דאגמאס, וואס קענען ניט געענ־דערט ווערען. דער רמב"ם איז געווען דער ערשטער ביי אידען, וואס האט ביי אידען איינגעפיהרט גלויבענס־ארטיקלען, א מין רעליגיעזען קאטעכיזם.

דאס איז געווען א נייעס, און גאר פילע זיינען מיט דעם ניט געווען צופרידען. אויף דעם רמב"ם'ס דין, אז מען טאר ניט גלויבען אין דער קערפערליכקייט פון גאט, באמערקט „דער דריטער ראב"ד: „גרעסערע און בעסערע פאר איהם האבען אין דעם גע־גלויבט". דערביי איז כדאי צו באמערקען, אז דער דאזיגער ראב"ד איז אליין געווען גאנץ וויט פון דעם גלויבען אין א קערפערליכען גאט. ער איז געווען א מקובל און זיין גאטעס־באגריף איז געווען ניט ווייניגער עדעל און רוחניות'דיג, ווי דעם רמב"ם'ס. דער ראב"ד האט בלויז אויסגעדריקט זיין אומ־צופרידענהייט דערמיט, וואס דער רמב"ם האט דערפון געמאכט א דאגמע. דער פאקט איז, אז מאנכע פון די אידישע פילא־זאפען, וואס זיינען געקומען נאך דעם רמב"ם, צווישען זיי גאנץ פרומע, האבען ניט אנגענומען דעם רמב"ם'ס עיקרים. ר' יוסף אלבו האט פון די דרייצען עיקרים געמאכט דריי.

אין דעם זעלבען „בוך פון וויסען" ווערען אחוץ די רעלי־גיעזע עיקרים אויך באהאנדעלט די באציהונגען צווישען מענש

און מענשען, פון רחמנות און ליבע איינער צום אנדערען, וועגען לערנען די תורה און וועגען געצען־דינסט.

דער צווייטער בוך פון „משנה תורה" הייסט „ספר האהבה" — דאס בוך פון ליבע. דארטען ווערט געדערט וועגען די באציהונגען פון דעם מענשען צו גאט, וואס דער מענש דארף טאן און ווי ער זאל זיך אויפפיהרען, כדי ער זאל זיך קענען באהעפטען און ליב האבען דעם שעפער. אין דעם זעלבען בוך ווערען אויך באהאנדעלט די באציהונגען צווישען מענש און מענשען, ריין עטישע פראגען, אלס א טייל פון די באציהונגען צווישען מענש און גאט.

דער דריטער בוך הייסט „ספר זמנים" (דאס בוך פון די צייטען). דארטען ווערען באהאנדעלט די דינים וואס האבען צו טאן מיט די פארשידענע צייטען פון יאהר, ווי די דינים וועגען שבת, יום־טוב און דערגלרייכען.

דער פערטער בוך הייסט „נשים" (פרויען). דארטען ווערען באהאנדעלט די אלע דינים, וואס האבען צו טאן מיט די באציהונגען צווישען מאן און פרוי, ווי קדושין, גיטין, כתובות און דער גלייכען.

אזוי געהט עס כסדר. יעדער בוך אדער אפטיילונג באהאנדעלט א באזונדער געגענשטאנד. אלע צוזאמען באהאנדלען אלע מעגליכע פראגען פון געזעץ, קרימינעלע אזוי גוט ווי ציווילע. די משנה־תורה שטעלט מיט זיך פאר א פולשטענדיגען געזעץ־בוך, וואו אלע פראגע פון געזעץ, סאי רעליגיעזע און סאי וועלטליכע, ווערען אויספיהרליך און גרינדליך באהאנדעלט. דער רמב"ם האט קיין זאך ניט אויסגעלאזען. ער האט אין זיין משנה תורה אריינגעשטעלט אפילו יענע אלע געזעצען, וואס האבען שוין אין זיין צייט ניט געהאט קיין שום פראקטישען ווערטה, ווי די דינים פון קרבנות און דערגלייכען.

די „משנה תורה" ווערט מיט דער צייט א נייער קוואל פאר פלפול.

דער רמב"ם האט אין זיין „משנה תורה" געוואלט געבען א קורצע און קלארע געזעצגעבונג. דאס איז איהם געלונגען אויפ'ן בעסטען אופן. אבער זיין ציל, וואס ער האט זיך געשטעלט, אויסצומיידען די איבעריגע פלפולים, האט ער ניט דערגרייכט. זיין ספר גופא איז געווארען א נייער קוואל פון פלפולים. זיינע אנהענגער און תלמידים, וואס זיינען מיט דער צייט געווארען אלץ מעהר און מעהר, האבען זיך גענומען פלפולען איבער זיינע ווערטער און זאגעכצען כמעט ניט ווייניגער, ווי איבער דעם תלמוד

גופא. איבער דער משנה־תורה איז אָנגעשריבען געווארען א גאנצע ליטעראטור. נאָך ביז היינטיגען טאָג וועט קיין רב אָדער רב'ל ניט פארגעסען אריינצופלעכטען דעם רמב"ם אין זיינע חלוקים און פלפולים. דאָס איז כמעט א מאָדע־זאַך.

און דאָס איז געווען אומפארמיידליך. א פאָלק, ווי דאָס אידישע, וואס האָט ניט קיין אייגען לאַנד און קיין אייגענעם מלוכה־לעבען, קען ניט האָבען קיין אייגענע געזעצען. די גאנצע געזעצגעבונג קען ניט האָבען מעהר ווי א טעאָרעטישען ווערטה, וואָס האָט מיט'ן פראַקטישען לעבען גאנץ ווייניג שייכות. די געזעצגעבונג ווערט, זי מוז עס ווערען, בלויז א קוואל פון א נייער האָר־שפּאַלטענדער פילפוליסטיק.

* * *

דעם רמבם'ס „משנה תורה" איז געווען, ווי מען וואָלט היינט זאָגען, א גרויסער ערפאָלג. זי איז שנעל פארשפּרייט גע־וואָרען אין אלע אידישע קהלות פון נאָהענטען און פון ווייטען, און האָט איבעראל ארויסגערופען דיסקוסיעס און פאָלעמיקעס. דער אידישער עולם איז ניט געבליבען גלייכגילטיג צו איהר. פון איין זייט האָט זיך דער רמב"ם דורך דער „משנה תורה" דערוואָרבען א מאסע אָנהענגער, איבערגעגעבענע תלמידים און הייסע חסידים, וואָס האָבען איהם אָנגעפאנגען צו באטראַכ־טען שיעור־ניט ווי א צווייטען משה רבינו. „פון משה'ן (משה בן עמרם) ביז משה'ן (משה בן מימון) איז ניט אויפגעשטאנען אזא משה", איז ביי זיי געוואָרען א ווערטעל. קיין טיטול און קיין שבח איז אין די אויגען פון די דאָזיגע חסידים ניט געווען צו גרויס פאר דעם רמב"ם. „די קרוין פון גלות", „געטליכער מענש", „מלאך פון גאָט", — דאָס זיינען בלויז איינינע ביישפּילען פון די דאָזיגע טיטולים. פון דער אנדערער זייט אָבער האָט זיך דער רמב"ם, צוליב דער זעלבער משנה תורה, אויך דערוואָרבען א רעכט ביסעל שונאים, וואָס האָבען זיך ניט צוריקגעהאלטען פון די גרעבסטע באליידיגונגען און זלזולים. די דאָזיגע פארביטערטקייט געגען דעם רמב"ם איז נאָך פיל שטאַרקער געוואָרען, ווען דער „מורה־נבוכים" איז שפּעטער ערשינען.

IV.

דער מורה נבוכים און פאַר וועמען דער רמב"ם האָט איהם געשריבען.

דער צוועק פון דעם „מורה־נבוכים".

דער רמב"ם האָט זיין הויפּט־ווערק איבער פילאָזאָפיע געשריבען דעם נאָמען „מורה־נבוכים" (דער וועג־ווייזער אָדער פיהרער פאַר די וואָס בלאָנדזשען, פאַר די וואָס קענען ניט געפינען זייער וועג). שוין אין דעם נאָמען ליגט די דערקלערונג פון דעם צוועק, וואָס דער רמב"ם האָט זיך געשטעלט ביים שרייבען פון דעם דאָזיגען ווערק.

ווי עס איז שוין באקאנט דעם לעזער פון די פריהערדיגע קאַפּיטלען, האָט דער רמב"ם געשריבען וועגען פילאָזאָפישע פראַגען אויך אין זיינע תלמודישע ספרים. דאָרטען אָבער האָט ער די דאָזיגע פראַגען באהאנדעלט בלויז פאַרבייגעהענדיג, ווייל זיי זיינען ניט געווען דער עיקר. דאָרטען גיט ער בלויז די רעזולטאַטען פון זיין פילאָזאָפישען פאָרשען. ער גיט דאָרטען ניט די אַלע נויטיגע באווייזען און באגרינדונגען פאַרוואָס און ווי אַזוי ער איז צו די דאָזיגע רעזולטאַטען געקומען. ער דאַרף עס ניט, ווייל יענע ספרים זיינען געשריבען געוואָרען פאַר דעם גרויסען עולם און פאַר די ניט־פילאָזאָפירענדע לומדים. זיי לעבען גליקליך און צופרידען אין זייער אמונה און פרעגען ניט קיין קשיות און האָבען ניט קיין ספקות. זיי דאַרפען ניט קיין פילאָזאָפיע. פאַר זיי איז גענוג, אז זייערע גלויבענס־באַגריפען זאָלען געשטעלט ווערען אויף א העכערער מדרגה, אז זיי זאָלען, צום ביישפּיל, ניט גלויבען, אז גאָט איז א קערפּער און דערגלייכען. פאַר זיי האָט זיך דער רמב"ם דערלויבט צו שרייבען בקיצור און דאָגמאַטיש.

פאַר וועמען ער איז געשריבען געוואָרען.

דער „מורה־נבוכים" איז אָבער לכתחילה געשריבען געוואָרען פאַר א גאנץ אנדער קלאַס מענשען. „דידאָזיגע אָפּהאַנדלונג", דערקלערט דער רמב"ם, „איז געשריבען געוואָרען פאַר דעם יעניגען, וואָס איז שוין באקאנט מיט דער פילאָזאָפיע, ווייסט די אמת'ע חכמות, און גלויבט אויך אין דער תורה. ער געפינט אָבער דאָרטען — אין דער תורה — אזעלכע אויס־

דרוקען, וואָס זיינען פאַר איהם אומפאַרשטענדליך און ער בלייבט א צוטומעלטער". (מורה נבוכים, פּתיחה).

דער „מורה נבוכים" איז, אַלזאָ, לויט דעם רמב"ם'ס דערקלערונג, ניט קיין לעהר־בוך איבער פילאָזאָפיע פאַר אָנפאַנגער. ער איז ניט געשריבען פאַר דעם גרויסען עולם און אויך ניט פאַר די, וואָס האָבען שוין זייער גלויבען פאַרלאָרען. ער איז געשריבען פאַר די יעניגע, וואָס זיינען שוין באַקאַנט מיט דער פילאָזאָפיע, אָבער וועלכע געפינען זיך אין אַ פאַרלעגענהייט, ווייל זיי קענען ניט פאַראייניגען און האַרמאָנירען זייערע פילאָזאָפישע מיינונגען מיט דער תורה. זיי וויל דער רמב"ם העלפען. זיי וויל ער באַווייזען דעם וועג, ווי אַזוי אַרויסצוקריכען פון זייערע ספיקות. זיין אויפגאַבע איז דעריבער צו באַווייזען, אַז די אמת'ן פון דער פילאָזאָפיע (פון דער אַריסטאָטעלישער פילאָזאָפיע, ווי זי איז פאַרשטאַנען געוואָרען פון דעם רמב"ם) זיינען זיך ניט סותר מיט די אמת'ן פון דער תורה.

ווי קען דאָס אָבער געטאָן ווערן? ווי פאַראייניגט מען די תורה מיט דער פילאָזאָפיע, אַז זיי זאָלען צוזאַמען האַרמאָנירען?

דער רמב"ם אַלס אַלעגאָריקער.

דער רמב"ם האָט געפונען אַ מיטעל. דער מיטעל איז אייגענטליך א גאַנץ אַלטער. שוין „פילאָ דער איד" פון דער אַלעקסאַנדריער שוהל און נאָך אַנדערע פאַר איהם האָבען דעם דאָזיגען מיטעל געברויכט. דער מיטעל באַשטעהט אין דעם, אַז די פסוקים און די אויסדרוקען פון דער תורה זאָלען אויסגעטייטשט ווערען אַלס אַלעגאָריען, בדרך משל, כדי זיי זאָלען זיך צופאַסען צו די אמת'ן פון דער פילאָזאָפיע. דער דאָזיגער מיטעל איז, ווי געזאָגט, ניט קיין נייער, אָבער דער רמב"ם האָט איהם פאַרפאָלקאָמט און אויסגעאַרבעט אין אַ גאַנצער סיסטעם: „זיי ווייסען", זאָגט דער רמב"ם, „אַז די שליסעל צו פאַרשטעהן אַלץ, וואָס די נביאים האָבען געזאָגט, איז צו פאַרשטעהן די משלים און די באַדייטונג פון זייערע ווערטער". (מורה נבוכים, פּתיחה).

דער דאָזיגער מיטעל פון „אויסטייטשען" איז פאַר דעם רמב"ם בשום אופן ניט געווען בלויז אַן אויסוועג, ווי אַזוי זיך אַרויסצודרעהען פון אַ פאַרלעגענהייט. דאָס „אויסטייטשען" האָט ביי איהם, ביי דעם רמב"ם, געהייסען צו געבען דעם אמת'ן זין פון די ווערטער, די אמתיע כונה פון דער תורה. דער רמב"ם איז געווען פעסט איבערצייגט, אַז אַנדערש האָט גאָר די תורה ניט

געקענט מיינען, ווייל דער אמת פון דער תורה קען ניט זיין קיין אנדערער, ווי דער פילאָזאָפישער אמת.

מיט מאנכע באהויפּטונגען פון אריסטאָטעל׳ס פילאָזאָפיע האָט דער רמב״ם ניט מסכים געווען. אזוי, צום ביישפּיל, איז דער רמב״ם ניט מסכים מיט אריסטאָטעל׳ן וועגען דער פראגע פון דער וועלט־שאַפונג. אריסטאָטעל באהויפּטעט, אז די וועלט איז א „קדמון״, אז זי עקזיסטירט פון אייביג. דער רמב״ם דאַגעגען באהויפּטעט, אז די וועלט איז א „נברא״, אז זי איז באַשאַפען געוואָרען. דער רמב״ם גיט דאָרטען זיינע פילאָזאָפישע ארגומענטען, פארוואס ער גלויבט, אז די וועלט איז באַשאַפען געוואָרען. אָבער כדי מען זאָל איהם ניט חושד זיין, אז ער איז אין זיינע מיינונגען וועגען דעם באאיינפלוסט געוואָרען פון דער תורה, זאָגט ער, אז עס וואָלט איהם געווען זעהר לייכט אויסצו־טייטשען די פּסוקים פון דער תורה.

„זיי ווייסען, אז מיר האַלטען ניט פון דער אייביגקייט פון דער וועלט ניט צוליב די פּסוקים, וואָס באווייזען, אז די וועלט איז באַשאַפען געוואָרען. די פּסוקים, וואָס באווייזען, אז די וועלט איז באַשאַפען געוואָרען, זיינען ניט מעהר ווי די פּסוקים וואָס באווייזען, אז גאָט איז א קערפּער. די טויערען פון אויסטייטשען זיינען פאַר אונז ניט פארשלאָסען״. (מורה נבוכים, חלק שני, פּרק כ״ח).

די טויערען פון אויסטייטשען זיינען ניט פארשלאָסען״, מען דאַרף אָבער ווייסען, ווי אַזוי. און דער רמב״ם פארברייטערט זיך וועגען דעם דאָזיגען ענין זעהר פיל. ער פארנעמט דערמיט כמעט דעם גאַנצען ערשטען באַנד פון דעם מורה נבוכים.

איך וועל דאָ אין קורצען פּרובירען איבערגעבען דעם תמצית פון זיין מעטאָדע.

פיל טעות׳ן, מיינט דער רמב״ם, נעמען זיך דערפון, וואָס ניט אלע ווייסען די אמת׳ע באדייטונג פון די ביבלישע אויסדרוקען און ווייסען אויך ניט גענוי די אָפּשטאַמונג פון די העברעאישע ווערטער.

דעם רמב״ם׳ס מעטאָדע פון אויסטייטשען.

עס זיינען פאראנען ווערטער, וואָס האָבען לכתחילה מעהר ווי איין באדייטונג, ווי, למשל, דאָס וואָרט „עין״, וואָס מיינט אי „אַן אויג״ און אי „א קוואַל״. אזעלכע ווערטער רופען זיך „שמות משותפים״ — שותפותדיגע נעמען, צוויי געגענשטאַנדען האָבען א בשותפות׳דיגען נאָמען.

עס זיינען ווידער דאָ ווערטער, וואָס קריגן אַן אַריבערגע־טראָגענע באַדייטונג, ווי, למשל, דאָס וואָרד „ילד". אָריגינעל האָט דאָס וואָרט „ילד" געמיינט „געבאָרען", — געבאָרען אַ קינד. שפּעטער איז דאָס דאָזיגע וואָרט אַריבערגעטראָגען געוואָרען אויך אויף אַנדערע זאַכען, ווי, למשל, „איידער די בערג זיינען געבאָרען געוואָרען"; „די ערד האָט געבאָרען", וואָס דאָס מיינט וואַקסען; „וואָרום דו ווייסט ניט, וואָס דער טאָג וועט געבאָרען", וואָס דאָס האָט צו טאָן מיט צייט; אויך אויף געדאַנקען, „און ער האָט געבאָרען פאַלשקייט". אַזעלכע ווערטער רופען זיך „שמות מושאלים", געבאָרגטע ווערטער, וואָס קריגען אַן אַריבערגעטראָגענע באַדייטונג (מורה נבוכים, חלק א', פּרק ז').

קורץ, פיל העברעאישע ווערטער האָבען מעהר ווי איין באַ־דייטונג. אַנדערע ווידער האָבען געבאָרגטע אָדער אַריבערגעטראָגענע באַדייטונגען. דער וואָס ווייסט ניט אין וועלכען זין אַ באַשטימטער וואָרט ווערט געברויכט, מוז קומען צו פאַלשע פאַרשטעלונגען און באַגריפען. דער וואָס ווייס ניט, למשל, אַז דאָס וואָרט „עין" (אויג) קען אויך קריגען די באַדייטונג פון „אכטונג געבען", קען פון דעם אויסדרוק „גאָט'ס אויגען זיינען דאָרט שטענדיג", קומען צום שלוס, אַז גאָט האָט טאַקע אויגען ווי מיר מענשען. אין דער אמת'ן מיינט עס אָבער, אַז גאָט גיט אַכטונג. גאָט'ס אויג מיינט גאָט'ס השגחה.

דער רמב"ם פאַרברייטערט זיך וועגען דעם דאָזיגען ענין און באַוויזט דערביי אַרויס אַ טיפע קענטנים אין דער העברע־אישער שפּראַך און אַ וואונדערבאַרען פילאָלאָגישען חוש וועגען דער אָפּשטאַמונג פון די ווערטער. דער רמב"ם זוכט דערוי־בער צו געבען דעם ריכטיגען מיין פון די ווערטער און אויף אַזאַ אופן דערקלערט ער די יענע אַלע אויסדרוקען און ווערטער, וואָס געפינען זיך אין דער ביבעל און וואָס קענען פאַרשטאַנען ווע־רען, אַז די ביבעל רעדט פון אַ קערפּערליכען גאָט, ווי גאָט איז געשטאַנען, געגאַנגען, געזעהן, געצאָרענט, און דערגלייכען.

אחוץ וואָס מען דאַרף פאַרשטעהן די אמת'ע באַדייטונג פון די ווערטער, דאַרף מען אויך פאַרשטעהן די אַלעגאָריען, די משלים. עס זיינען דאָ משלים, וואו יעדעס וואָרט האָט אַ באַ־זונדער מיין און אַ באַזונדערע כונה. עס זיינען אָבער דאָ אַזעל־כע משלים, וואו די פּרטים זיינען ניט וויכטיג. זיי זיינען דאַר־טען אַריינגעשטעלט געוואָרען, כדי צו מאַכען שענער אָדער פול־

קאָמענער דאָס בילד. צום לעצטען מין אַלעגאָריען באַלאַנגט דער משל מיט דער אויסגעלאָסענער פרוי אין „משלי", אונ־טער דעם וואָרט „זונה" (אויסגעלאָסענע פרוי) ווערט פאַרשטאַ־נען די מאַטעריע, וואָס בייט שטענדיג איהרע פאָרמען פונקט ווי א „זונה", וואָס בייט איהרע מענער. די אַלע אַנדערע איינ־צעלהייטען, וואָס ווערען דאָרטען דערצעהלט פון דער „זונה", זיינען בלויז באַשרייבונגען, כדי צו מאַכען דאָס בילד פולקאָמען.

* * *

על כל פנים, דער רמב"ם האָט געפונען די שליסלען „צו די טויערען פון אויסטייטשונג" פרעגט זיך אָבער, צו וואָס דאַרף מען אין גאַנצען האָבען די משלים? צו וואָס זיינען זיי נויטיג? פאַר וואָס האָבען די נביאים און די תורה ניט געקענט אָפען און קלאָר ארויסזאָגן זייער כונה? צו וואָס די סודות און די „סתרי תורה?" דער רמב"ם האָט געפונען א תירוץ אויך אויף דער דאָזיגער קשיא. און דער תירוץ איז כאַראַקטעריסטיש פאַר איהם.

צו וואָס מען דאַרף די אַלעגאָריען.

דער רמב"ם האָט זעהר ווייניג דרך־ארץ פאַר דעם גרויסען עולם. עס איז ניטאָ נאָך איינער צו איהם אין דער גאַנצער אי־דישער ליטעראַטור, וואָס זאָל באַטראַכטען דעם „המון" מיט אזא גרינגשעצונג, ווי ער. דער רמב"ם איז דורך און דורך אַן אריס־טאָקראַט, — ער איז, אויב מען קען אזוי זאָגען, א גייסטיגער אריסטאָקראַט. ער האַלט ניט פון יחוס פון געבורט אָדער יחוס פון רייכקייט. דער איינציגער יחוס ביי איהם איז דער יחוס פון שכל, דער יחוס פון דעם געלעהרטען און פילאָזאָף, וואָס האָט ענטוויקעלט זיין שכל און זיינע דענקונגס־פעהיגקייטען ביז דער העכסטער מדרגה. ער, דער דאָזיגער מענש, איז עס דער „אָדם השלם", דער פאָלקאָמענער מענש, — דער „איבער־מענש", צו געברויכען ניטשע'ס אויסדרוק. דער פראָסטער מענש, וואָס האָט זיין שכל ניט ענטוויקעלט, וואָס האָט איהם ניט ארויס־געבראַכט פון מעגליכקייט אין ווירקליכקייט (מכוח אל הפועל), פאַרדינט גאָרניט דעם נאָמען מענש. „ער איז א בהמה אין דער געשטאַלט פון א מענשען, און נאָך ערגער, ווייל ער קען זיין שעדליך" „וכבר ידעת כי כל מי שלא הגיע לו זאת הצורה אשר ביארנו עניגה הוא איננו איש, אבל בהמה על צורת איש ותבניתו, אבל יש לו יכולת על מיני ההיזק לחידוש הרעות, מה שאין כן לשאר בעלי חיים". (מורה נבוכים חלק ראשון, פרק ז').

דער עולם איז צו גראָב און צו פּראָסט. די אמת׳ן פון דער תורה און די נביאים זיינען פאַר איהם צו הויך. זיי זיינען פאַר איהם אומפאַרשטענדליך און אומבאַגרייפליך. זיי קענען איהם קיין נוצען ניט ברייננען. זיי קענען איהם גיכער שאַדען. זיי קענען איהם צוטומלען זיינע געדאַנקען און איהם אין גאַנצען אַראָפּפיהרען פון דער אמונה. אַ קינד, וואָס וועט עסען ווייצען־ברויט, פלייש און וויין, וועט ווערען קראַנק. ניט ווייל די דאָזיגע שפּייזען זיינען בעצם שלעכט, נאָר ווייל דעם קינד׳ס פאַרדייאונגס־כחות זיינען נאָך ניט שטאַרק גענוג. די גייסטיגע פאַרדייאונגס־כוחות פון דעם גרויסען עולם זיינען ניט שטאַרק גענוג צו קענען פאַרטראָגען די דאָזיגע אמת׳ען. דער גרויסער עולם איז ווי אַ קינד, וועמען מען מוז לאַנגזאַם דערציהען לויט זיינע השגות, דערפאַר זיינען דאָ די „סתרי־תורה", וועלכע בלויז דער „אָדם השלם" קען אַרויסדריינגען. דערפאַר זיינען די „סתרי־תורה" געשריבען האַלב־אָפען, האַלב־פאַרשטעלט, ווייל דער פילאָזאָף וועט פאַרשטעהן און דער גרויסער עולם דאַרף עס ניט פאַרשטעהן. פאַר דעם פּראָסטען עולם איז די תורה געשריבען אין דער שפּראַך, ווי מענשען ריידען. (מורה נבוכים, חלק ראשון, פּרק ל"ג).

בלייבט די פראַגע: אויב די תורה האָט בכיון פאַרבאָרגען די אינערליכע כונות, מאָ ווי אַזוי דערלויבט זיך ער, דער רמב"ם, זיי צו ענטדעקען?

דער רמב"ם פאַרענטפערט זיך: „גאָט ווייסט, אַז איך האָב ניט אויפגעהערט מורא צו האָבען צו שרייבען וועגען די דאָזיגע זאַכען, ווייל זיי זיינע פאַרבאָרגענע ענינים. עס איז נאָך ניט געשריבען געוואָרען אַזאַ ספר ביי אונזער פאָלק אין דער צייט פון דעם גלות. מאָ ווי אַזוי זאָל איך איצטער אָנפאַנגען צו שרייבען וועגען דעם? איך פאַרלאָז זיך אָבער אויף דעם, וואָס אין אַ צייט, ווען מען מוז טאָן פון גאָט׳ס וועגען, מעג מען פאַרבויגען די תורה (עת לעשות לה׳ הפרו תורתך), און אַז איך טו עס בלויז פון גאָט׳ס וועגען". (מורה נבוכים, פּתיחה).

דער חשוב׳ער יחיד און די צעהן טויזענט נאַראָנים.

עס איז אַ שווערע צייט, אַ צייט פון ספיקות. מענשען געהען אַרום צוטומעלטע און ווייסען ניט ווי צו האַרמאָנירען די אמת׳ען פון דער אמונה מיט די אמת׳ען פון דער פילאָזאָפיע. די דאָזיגע צווייפלער קענען אין גאַנצען פאַרלירען דעם גלויבען. פאַר זיי, פאַר די צווייפלער, פאַר די וואָס האָבען ניט געפונען דעם ריכ־

טיגען וועג — פאר זיי שרייבט ער עם דעם מורה נבוכים, כאטש ער ווייסט, אז דאס קען ברייגנען שאדען צו דעם גרויסען עולם: „און איך בין דער מענש, וואס ווען איהם דריקט דער ענין, און עס איז איהם ענג דער וועג און ער געפינט קיין מיטעל ניט ווי צו לערנען דעם אמת, וואס איז באוויזען געווארען, סיידען ווען ער, דער דאזיגער אמת, זאל זיין גוט פאר דעם חשוביען יחיד און ניט גוט פאר צעהן טויזענט נאראנים, קלייב איך אויס צו זאגען עס פאר איהם אליין און מיך קימערען ניט די זלזולים פו דעם גרויסען עולם. איך וויל בעסער ראטעווען דעם חשוב'ען יחיד, וואס איז פארזונקען אין זיין צווייפעל און ווייזען איהם דעם וועג ביז ער וועט אויסגעהיילט ווערען" (מורה נבוכים, פתיחה).

* * *

דער רמב"ם האט מורא געהאט צו שרייבען דעם „מורה נבוכים", אבער ער האט איהם דאך געשריבען, ווייל ער האט געוואלט ראטעווען דעם חשוביען יחיד, דעם צווייפלענדען פילא־זאף. און ער האט ניט אומזיסט מורא געהאט. ער זאגט אין זיין „מורה נבוכים" ארויס אזעלכע געדאנקען, וואס זיינען גע־ווען גאנץ ניי פאר די פרומע אידען פון יענער צייט. די דאזיגע געדאנקען זיינע האבען אפשר געקענט ראטעווען דעם „חשוב'ען יחיד", אבער זיי האבען זיכער געקענט שטרויכלען „די צעהן טויזענט נאראנים". פאר זיי, פאר „די נאראנים", האט דעם רמב"ם'ס גאט געקענט אויסווייזען ווי אן אנדער גאט אדער גאר קיין גאט ניט.

דעם רמב"ם'ס גאטעס־באגריף.

וועגען גאט, זאגט דער רמב"ם, קענען מיר בלויז וויסען, אז ער איז, דאס הייסט, אז עס איז דא א גאט. דאס איז דער שכל מחייב. עס מוז זיין אן ערשטע אורזאך, וואס איז דער ערשטער באוועגער און וואס איז די אורזאך פון דער גאנצער שאפונג.

ווי עס קומט אבער צו די פראגען וואס איז גאט, ווי אזוי ווירקט ער, וואס איז זיין מהות, וואס איז דער עצם פון זיין וועזען, ווייסען מיר גארנישט און מיר קענען ניט וויסען, ווייל דאס שטעהט העכער און איבער אונזער שכל.

די פילאזאפען ריידען וועגען די געטליכע „אטריבוטען" (אייגענשאפטען אדער אייגענטימליכקייטען) אדער ווי דער רמב"ם רופט זיי „תוארים". דער רמב"ם זאגט, אז עס איז א זינד צו צושרייבען צו גאט אירגענד וועלכע „תוארים". דאס איז א זינד

גענען דעם באַגריף פון גאָט'ס איינינקייט. „דער וואָס גלויבט, אַז גאָט איז איינער אָבער מיט מעהרערע אַטריבוטען, גלויבט ער אין געדאַנק אין מעהרערע געטער, כאָטש ער זאָגט, אַז ער איז איינער. דאָס איז ווי די באַהויפּטונג פון די קריסטען, וואָס זאָגען, אַז ער איז איינער, וואָס איז דריי און די דריי איז איינס.״*)

די אָרעמקייט פון דער מענשליכער שפּראַך, ווען עס האַנדעלט זיך וועגן גאָט.

די מענשליכע שפּראַך איז אָרים אין אויסדרוקען. זי איז ניט מעהר ווי אַן אינסטרומענט צו אויסדריקען מענשליכע געדאַנקען. געברויכענדיג די מענשליכע שפּראַך זיינען מיר געצוואונגען צו געברויכען ווערטער, וואָס האָבען אַ זין פאַר מענשען אָבער וואָס פּאַסען זיך בשום אופן ניט פאַר גאָט, ווייל צווישען גאָט און מענשען איז ניטאָ קיין שום עהנליכקייטס־פּונקט. מיר זאָגען, צום ביישפּיל, אויף גאָט, אַז ער איז, ער לעבט, ער קען, ער ווייס, ער וויל, ער איז קלוג. ביי אונז אין געדאַנק ווערען די דערמאָנטע געטליכע אַטריבוטען צוזאַמענגעמישט מיט אונזערע מענשליכע באַגריפען פון זיין, לעבען, קענען, וויסען, ווילען און סלוגשאַפּט. ביי אונז קומט אויס, אַז גאָט'ס זיין און אונזער זיין, גאָט'ס חכמה און אונזער חכמה, זיינען פון דעם זעלבען מין. דער חלוק איז בלויז אין דער גרויס. ביי גאָט זיינען די דאָזיגע אַטריבוטען פיל־פיל גרעסער.

דאָס, זאָגט דער רמב״ם, איז אַ טעות. זיי זיינען ניט בלויז גרעסער, זיי זיינען אין גאַנצען אנדערש. זיי קענען ניט פאַרגליכען ווערען. מען קען פאַרגלייכען אַ זעמדעל מיט אַ הימעלשען פּלאַנעט און זאָגען, אַז דער פּלאַנעט איז גרעסער, ווייל ביידע, דער זעמדעל און דער פּלאַנעט האָבען לייגג, ברייט און טיפקייט. מען קען זיי מעסטען. מען קען אָבער ניט פאַרגלייכען צוויי זאַכען, וואָס האָבען צווישען זיך קיין שייכות ניט. מען קען ניט פאַרגלייכען די וואַרימקייט פון אַ זונען־שטראַהל, למשל, מיט דער גרויס פון אַ בילד. מען קען ניט זאָגען, אַז די וואַרימקייט איז גרעסער פאַר דעם בילד. „גאָט עקזיסטירט, אָבער ניט מיט אונזער עקזיסטענץ. ער לעבט, אָבער ניט מיט אונזער לעבען. ער ווייס, אָבער ניט מיט אונזער וויסען. ער קען, אָבער ניט מיט

---

*) אָמנם מי שהאמין שהוא אחד בעל תוארים רבים, כבר אָמר שהוא אחד במלתו אבל רבים במחשבתו. וזה כמאמר הנוצרים „הוא אחד אבל הוא שלשה והשלשה אחד״. (מורה נבוכים, חלק ראשון, פרק נ׳.)

אונזער קענען. ער איז קלוג, אָבער ניט מיט אונזער קלוג־שאפט"*).

די געטליכע אַטריבוטען דאַרפען פאַרשטאַנען ווערען אַלס נעגאַטיווע.

קורץ, מיר קענען וועגען גאָט קיין זאַך ניט וויסען און קיין זאַך ניט זאָגען, וואָס זאָל אין אירגענד וועלכען זין אויסדריקען די פּאָזיטיווע זייט פון זיין וועזען, פון זיין „מהות". מיר קענען פון איהםריידען בלויז אין א נעגאַטיווען זין. מיר קענען זאָגען, וואָס ער איז ניט. ווען מיר זאָגען, אז גאָט לעבט, דאַרפען מיר פאַרשטעהן, אז ער געפינט זיך ניט אין דעם צושטאַנד, וואָס מיר רופען טויט. ווען מיר זאָגען, אז ער איז קלוג, מיינען מיר אין דער אמת'ן, אז ער איז ניט דאָס, וואָס מיר רופען נאַריש. ווען מיר זאָגען, אז גאָט האָט א פרייען ווילען, מיינען מיר, אז ער איז ניט געצוואונגען אין זיין טעטיגקייט דורך אויסערליכע סבות.*) אַלע אַטריבוטען פון גאָט דאַרפען דעריבער פאַרשטאַנען ווערען ניט אַלס פּאָזיטיווע, נאָר אַלס נעגאַטיווע, וואָס ער איז ניט. דורך די „ניטס" קענען מיר קריגען א מעהר אָדער ווייניגער קלאָרען באַגריף וועגען איהם.

אין זיין לעהרע וועגען די געטליכע „תוארים", אָדער אַטרי־בוטען, איז דער רמב"ם געגאַנגען ווייטער, ווי אירגענד וועלכער פון די אידישע פילאָזאָפען פאַר איהם. וועלענדיג אויסמיידען אירגענד עטוואָס, וואָס קען אויפ'ן ווייטסטען אופן פאַרשטאַנען ווערען, ווי א פּגימה אין גאָט'ס איינהייט און אומקערפּערליכקייט, איז דער רמב"ם געקומען צו א גאָטעס־באַגריף, וועלכער איז אפשר שטרענג־לאָגיש, אָבער טרוקען, קאַלט און פרעמד פאַר דעם מענשליכען הארצען און אומבאַגרייפליך פאַר'ן מענשליכען שכל — א ריינע, קאַלטע אבסטראַקציע, וואָס קען ניט באַ־פרידיגען דעם מענשען. דער מענש וויל א גאָט, וואָס איז „א פאָטער אין הימעל" און ניט בלויז אן „ערשטע אורזאַך". „דאָס איז דער גאָט פון אריסטאָטעלעס, ניט דער גאָט פון אברהם", וואָלט ר' יהודה הלוי אויף דעם געזאָגט.

דעם רמב"ם איז עס געלונגען דורך אַלערליי אויסטייטשונגען אריינצוטייטשן דעם דאָזיגן גאָטעס־באַגריף אין דער ביבעל און

---

*) ואם כן הוא נמצא ולא במציאות, וכן חי ולא בחיים, ויכול ולא ביכולת, וחכם ולא בחכמה (מורה נבוכים, חלק ראשון, פרק נ"ז).

*) דאָס שטימט מיט שפינאָזא'ס דעפיניציע פון פריי זיין. שפּי־נאָזא זאָגט: „פריי איז די זאַך, וואָס עקזיסטירט בלויז על פי הכרח פון איהר אייגענער נאַטור און איהר האַנדלונג ווערט באַשטימט דורך זיך גופא".

אין דעם תלמוד, אָבער זיינע געגנער זיינען ניט געווען אין גאַנצען אומגערעכט, ווען זיי האָבען גע'טענה'ט, אז אזא פילאָזאָפיע מוז אונטערגראָבען די יסודות פון דער אידישער אמונה. וואָרים אויב מען זאָל דעם רמב"מ'ס גאָטעס־באַגריף צופיהרען צו זיינע לאָגישע קאָנזעקווענצען, דאַן איז כמעט ניטאָ קיין פּלאַץ פאַר „ענטפּלעקונג", וואָס איז דער יסוד פון רעליגיע בכלל.

פאַרשטעהט זיך, אז דער רמב"ם איז אזוי ווייט ניט געגאַנגען. ער האָט זיך ווי אַליין דערשראָקען פאַר די לאָגישע אויספיהרונגען פון זיינע באהויפּטונגען. ער איז געבליבען ביי זיין פרומקייט און האָט געגלויבט אין „ענטפּלעקונג", אין השגחה און אפילו אין תפילות. ער האָט דעם גלויבען דערקלערט דערמיט, וואָס אזוי ווי דער מהות פון גאָט איז פאַר דעם מענשליכען שכל אומבאַגרייפליך, קענען די אַלע זאַכען פאָרקומען אויף אַ וועג, וואָס איז פאַר אונז אומבאַגרייפליך.

דער גרויסער קעמפער פאַר דער הערשאַפט פון דעם מענשליכען שכל איז געווען גאַנץ ווייט פון דעם געדאַנק צו באהויפּטען, אז דער מענשליכער שכל קען אַלץ באַגרייפען. דער מענשליכער שכל האָט זיינע גרענעצען, וועלכע ער קען ניט אריבערגעהן. אַלץ וואָס עס איז געגען שכל קען ניט זיין אמת, אָבער דאָס מיינט נאָך ניט, אז דער שכל קען דערגרייכען אַלע אמת'ען. עס זיינען דאָ אמת'ען, וואָס שטעהען העכער און איבער דעם מענשליכען שכל.

* * *

ניט אָרטאָדאָקסיש זיינען אויך דעם רמב"מ'ס מיינונגען וועגען אַנדערע רעליגיעז־פילאָזאָפישע פראַגען, ווי, צום ביישפּיל, די פראַגען וועגען דעם תכלית פון דער שעפונג און וואָס פאַר אַ פּלאַץ דער מענש פאַרנעמט אין איהר? וואָס מיינט די געטליכע השגחה, און דערגלייכען.

האָט גאָט געהאַט אַ ציל ביים באַשאַפען די וועלט און איז דער מענש דער ציל?

דער מענש איז ניט דער תכלית פון דער בריאה.

דער רמב"ם זאָגט: דער מענש דאַרף זיך ניט איינרעדען, אז ער איז דער תכלית פון דער שעפונג. דער מענש איז אזוי קליין און נישטיג, אז עס איז פשוט אומעגליך, אז אַלע וועלטען זיינען באַשאַפען געוואָרען צוליב איהם. „די העכערע זאַך ווערט ניט באַשאַפען אלס אַ כלי פאַר דער נידעריגערער זאַך". דער עיקר אָבער איז, וואָס ביי גאָט איז איבערהויפּט ניט שייך

די פראגע פון תכלית. פונקט ווי מיר קענען ניט וויסען דעם תכלית פון גאָט'ס עקזיסטענץ, אזוי קענען מיר אויך ניט זוכען דעם תכלית פון זיין ווילען (מורה נבוכים, חלק ג', פרק י"ג, י"ד).

די געטליכע השגחה איז ניט פאַר אַלעמען גלייך.

זיין מיינונג וועגען דער געטליכער השגחה איז, אז זי באַציהט זיך בלויז אויף דעם מענשען. „ווי איך פארשטעה גאָט'ס השגחה, איז זי א דירעקטע ווירקונג פון גאָט'ס השפעה. דער מ״ן, וואָס באַזיצט די דאָזיגע השפעה, וואָס באזיצט דעם שכל — בלויז צו דעם מין קען זיך די השגחה באהעפטען. דערפון איז נעדרונגען, אז די געטליכע השגחה איז ניט אויף אַלע מענשען גלייך. וואָס העכער דער מענש איז, וואָס מעהר זיין שכל איז ענטוויקעלט, אַלץ מעהר לייגט זיך אויף איהם די השגחה. דער פּראָסטער מענש, וועמענס שכל עס געפינט זיך אויף א נידעריגע מדרגה, איז בנוגע דעם גלייך צו דער בהמה" (מורה נבוכים, חלק שלישי, פרק ט"ו—י"ח).

דאָ זעהט מען ווידער ארוים דעם גייסטיגען אריסטאָקראַטיזם פון דעם רמב"ם. דער געלעהרטער, דער פילאָזאָף, דער „אָדם השלם", איז דער עיקר. דער פּראָסטער, אומאנטוויקעלטער מענש איז ניט מעהר, ווי א מין פוס-ביינקעלע פאַר דעם „אָדם השלם". דאָס פיהרט אונז צום רמב"מ'ס קוק אויף דער מענשליכער געזעלשאפט און צום רמב"מ'ס עטיק.

V.

דעם רמב"ם'ס עטיק און זיין קוק אויף דער געזעלשאפט.

דער רמב"ם איז שטענדיג געטריי צו זיך און צו זיין שיטה. גאנץ גלייך, וועלכע פראגען ער באהאנדעלט, רעליגיעז־פילאזאפישע, עטישע אדער סאציאלע, בלייבט ער שטענדיג דער זעלבער ראציאנאליסט. דער שכל איז דאס גרעסטע און העכסטע, וואס דער מענש באזיצט. דער שכל איז דער עיקר. ער איז מעהר ווי דאס — ער איז אלץ. ארויסגעהענדיג פון דער דאזיגער הנחה, האלט זיך דער רמב"ם ניט צוריק פון קיינע לאגישע קאנזעקווענצען. אזוי איז עס אין דעם רמב"ם'ס פילאזאפיע און אזוי איז עס אויך אין זיין עטיק. אין ביידען גלייך פארנעמט דער שכל דעם אויבענאן.

דעם רמב"ם'ס עטיק און זיין ראציאנאליזם.

דער שכל איז דער עיקר. דער לאגישער שלוס דערפון איז, אז דער מענש דארף שטרעבען צו ענטוויקלען זיין שכל צו דער העכסט־מעגליכער מדרגה. אין דעם באשטעהט זיין איינציגער און אמת'ער גליק, ווייל דורך זיין ענטוויקעלטען שכל קען ער באגרייפען וואס מעהר און וואס טיפער פון די אייביגע אמת'ען (מושכלות). ענטוויקלענדיג זיין שכל צו דער העכסט־מעגליכער מדרגה און באגרייפענדיג די אייביגע אמת'ען, ווערט דורך דעם דער מענש גופא א טייל פון דער אייביגקייט. ער באהעפט זיך דורך דעם, אזוי צו זאגען, מיט די העכערע וועלטען. ער ווערט אומשטערבליך. בלויז דער מענש מיט דעם ענטוויקעלטען שכל קען זיך באהעפטען מיט דער אייביגקייט און בלויז ער איז זוכה צו אונשטערבליכקייט. דערפון איז לאגיש געדרונגען, אז אלץ, וואס פיהרט דערצו, אלץ וואס פיהרט צו דער ענטוויקלונג פון דעם שכל, איז גוט. דאגעגען, אלץ וואס שטערט די דאזיגע ענטוויקלונג איז שלעכט. שלעכטע תאוות און שלעכטע מדות זיינען שלעכט בלויז דערפאר, ווייל זיי שטערען די ענטוויקלונג פון דעם מענשליכען שכל צו זיין העכסטער מדרגה,וואס איז אויך זיין העכסטער גליק. ווען דער מענש דערגרייכט יענע הויכע מדרגה פון דעם „אדם השלם",

פון דעם פאָלקאָמענעם מענש, און זיין שכל קען זיך באהעפטען מיט די אייביגע אמת'ען, דאן עקזיסטירען שוין מעהר פאר איהם ניט גוט און שלעכט. ער שטעהט, אזוי צו זאָגען, איבער און העכער פאר דעם.

דאָס דארף נישט שלעכט פארשטאנען ווערען. דער רמב"ם מיינט ניט צו זאָגען, אז דעם „אדם השלם" איז אַלץ דערלויבט צו טאָן, אז פאר איהם עקזיסטירען שוין מעהר ניט קיין „מען־טאָר־ניט'ס". דעם רמב"ם'ס „אדם השלם" איז בנוגע דעם אנדערש ווי ניטשעס „איבער־מענש". ער שטעהט ניט, ווי ניטשע'ס „איבער־מענש", „אויף יענער זייט פון גוט און שלעכט". ער, דעם רמב"ם'ס „אדם השלם", דארף זיך אויפ־פיהרען אין מאָראַלע ענינים פונקט ווי דער געוויינליכער מענש. דער רמב"ם מיינט, אז ווען דער מענש דערגרייכט ענדליך יענע הויכע מדרגה, ווערען ביי איהם ממילא פארשוואונדען די אַלערליי תאוות און קערפערליכע פארלאנגען. ביי איהם איז מעהר ניט שייך גוט און שלעכט. ער ווייס מעהר ניט פון גוט און שלעכט און קען זיי גאָר ניט באגרייפען. ער ווייס בלויז פון אמת און שקר, פון וויסען און אומוויסען.

ניט גוט און שלעכט איז דער יסוד פון דער עטיק, נאָר אמת און שקר.

דער יסוד פון דער מענשליכער אויפפיהרונג, דער פונדאַ־מענט פון עטיק, איז, אַלזאָ, ניט גוט און שלעכט, נאָר אמת און שקר, וויסען און אומוויסען. גוט און שלעכט זיינען בלויז „מפורסמות" (קאָנוועַנציאָנאַלע, אַלגעמיין אַנגענומענע אמת'ען). „אין דער נאַטור פון די זאכען איז ניטאָ גוט און שלעכט, נאָר אמת און שקר" (ואין בהכרחי טוב ורע כלל, אבל שקר ואמת, מורה נבוכים, חלק א", ב").

„מיט יאָהרען צוריק", דערצעהלט דער רמב"ם, „האָט מיר אַ געלעהרטער געשטעלט אַ שווערע פראַגע".

„ווי עס ווייזט אוים פון דעם פראָסטען פשט פון פסוק", האָט ער געפרעגט, „איז דער מענש באשאַפען געוואָרען ווי די איבעריגע חיות, אָהן שכל און אָהן געדאנקען. ער האָט ניט געוואוסט דעם חלוק צווישען גוט און שלעכט. ערשט ווען ער האָט זיך פארזינדיגט און געגעסען פון די פארבאָטענע פרוכט, פון דעם „עץ הדעת", — ערשט דאן האָט ער געקראָגען דעם שכל. קומט דאָך לויט דעם אוים, אז מען האָט דעם מענשען באשטראָפט מיט דאָס בעסטע, וואָס ער פארמאָגט — מיט דעם שכל. איז דאָס דען אַ באשטראָפונג?"

דער תמצית פון רמב"ם'ס ענטפער אויף דער דאָזיגער שווערער פראַגע איז: איידער דער מענש האָט געזינדיגט, איז ער געשטאַנען אויף דער הויכער מדרגה פון דעם פולקאָמענעם מענשען, וואָס ווייסט בלויז פון אמת און שקר. נאָך זיין זינדיגען איז ער געזונקען. עס האָבען זיך אין איהם דערוועקט קערפערליכע פאַרלאַנגען, און „ער האָט אָנגעפאַנגען צו זעהן די מיאוסקייט פון אַ זאַך, אין וועלכער ער האָט פריהער קיין מיאוסקייט ניט געזעהן" (אבל נתחדש בו ענין אחר שגינה בו, מה שלא היה מגנהו קודם).

דעם דאָזיגען געדאַנק, אַז דער פונדאַמענט פון עטיק איז ניט גוט און שלעכט, נאָר אמת און שקר, ווערט מעהרערע מאָל איבערגעזאָגט פון דעם רמב"ם. ער פאַרברייט זיך וועגען דעם זעהר פיל, ווען ער רעדט וועגען דער אויפגאַבע פון דער תורה.

די אויפגאַבע פון דער תורה. די אויפגאַבע פון דער תורה איז אַ טאָפּעלטע: זי זוכט צו באַזאָרגען דעם גוף און צו באַזאָרגען די נשמה. פון דיביידע איז די צווייטע, דאָס באַזאָרגען פון דער נשמה, דאָס וויכטיגסטע, ווייל דאָס איז דער ענד־ציל.

די נשמה קען אָבער ניט באַזאָרגט ווערען, וואו דער גוף ווערט פריהער ניט באַזאָרגט. דער מענש איז פון זיין נאַטור אַ געזעלשאַפטליכע באַשעפעניש. דער איינציגער מענש קען זיך אַליין ניט באַזאָרגען מיט אַלץ, וואָס ער דאַרף. ערשט, ווען ער לעבט אין אַ געזעלשאַפט, וואו די אַרבייט ווערט פאַנאַנ־דערגעטיילט, — ערשט דאַן קען דער מענש באַפרידיגען אַלע זיינע באַדערפנישען. און ערשט דאַן, ווען אַלע זיינע באַ־דערפנישען ווערען באַפרידיגט, קען ער זיך אָפּגעבען מיט שטודירען און פילאָזאָפירען. ווען אַ מענש איז קראַנק, הונ־געריג אָדער דורשטיג, קען ער זיך ניט באַשעפטיגען מיט העכערע ענינים.

דער איינציגער און די געזעלשאַפט. פריהער פאַר אַלץ איז דעריבער נויטיג, אַז עס זאָל זיין אַ גוט־איינגעאָרדענטער געזעלשאַפטליכער לעבען, און דערפאַר גיט זיך די תורה אָפּ אַזוי פיל מיט דעם. דעריבער געפינען זיך אין דער תורה אַלערליי געזעצען וועגען דעם עקאָנאָמישען און סאָציאַלען לעבען, ווי אַזוי מענשען זאָלען איינע די אַנדערע ניט באַרויבען און דערגלייכען. מענשען טאָרען ניט טאָן בלויז דאָס, וואָס זיי געפעלט. זיי דאַרפען טאָן דאָס, וואָס איז

ניצליך פאר דעם כלל. ערשט דאן איז מעגליך א געזעלשאפט־ליכער לעבען.

די מערסטע מצוות פון דער תורה זיינען געגעבען געוואָרען כדי איינצואָרדענען א גוטען געזעלשאפטליכען לעבען. די גוטע געזעלשאפט איז נויטיג, כדי דער מענש זאָל קריגען די מעג־ליכקייט צו ענטוויקלען זיין שכל. עס איז דעריבער קלאָר, אז די געזעצען, וואָס געפינען זיך אין דער תורה וועגען די אַלערליי עקאָנאָמישע און סאָציאַלע פראגען, זיינען ניט קיין ציל „אָן און פאר זיך", נאָר זיי זיינען בלויז א מיטעל צום ציל. דער ציל איז די העכסטע ענטוויקלונג פון שכל, און קוים ווערט דער דאָזיגער ציל דערגרייכט, איז מעהר דער מיטעל ניט נויטיג. „עס איז קלאָר, אז אין יענער העכסטער פארפאָלקאָמונג איז מעהר ניטאָ קיין גוטע מעשים און מדות, נאָר בלויז די אמת'ען אליין" (ומבואר הוא שזה השלמות האחרון אין בו לא מעשים ולא מדות, ואמנם הוא דעות לבד. מורה נבוכים, חלק שלישי, פרק כ"ז).

דער גרויסער המון, ווי מיר האָבען שוין געזעהן אין א פריהערדיגען קאפיטעל, איז ניט פעהיג צו באגרייפען די הויכע אמת'ען, ווייל ער האָט ניט די נויטיגע פאָרבערייטונגען און די נויטיגע פעהיגקייטען דערצו. עס קומט דארום אויס, אז די געזעלשאפט עקזיסטירט ניט פאר איהם, נאָר אז ער עקזיסטירט פאר דער געזעלשאפט. דער פראָסטער עולם, דער „המון הסכלים", ווי דער רמב"ם דריקט זיך אזוי אָפט אויס, איז ניט מעהר ווי א מין לייטער פאר דעם „אדם השלם", אויף וועלכען ער, דער „אדם השלם", זאָל קענען ארויפקלעטערען אין די הויכע הימלען.

„דער גרויסער עולם און דער אָדם השלם".

דער רמב"ם דערשרעקט זיך ניט און דערפיהרט זיין געדאַנק צום לאָגישען שלוס. דער גרויסער עולם איז ווירקליך באשטימט דארויף, כדי די איינצעלנע זאָלען קענען דערגרייכען די העכסטע מדרגה פון זייער שכל'דיגער ענטוויקלונג. אזא קלאַס פון פראָסטע ארבייטער מוז עקזיסטירען, וואָרים „אויב אַלע מענשען וועלען זיך אָפגעבען מיט'ן שטודירען די וויסענ־שאפטען און די פילאָזאָפיע, וועט די וועלט קיין קיום ניט האָבען און דער גאַנצער מענשען־געשלעכט וועט אונטערגעהן אין א קורצער צייט. וואָרים דער מענש איז זעהר שוואך און ער נויטיגט זיך אין פילע זאכען. ער וואָלט געדאַרפט זיך

אויסלערנען צו אקערן, צו שניידן, צו דרעשן, צו מאָלן, צו באַקן און צו מאַכן די אַלע נויטיגע געצייג אויף דעם, כּדי ער זאָל קענען צוגרייטן זיין שפּייז" *.

דאָס מערקווירדיגסטע דערביי איז, וואָס דער רמב"ם זעהט אין אַזאַ מין אָרדנונג קיין שום אומרעכט ניט. עס מוזן זיין פילע„ אונטערשטע", כּדי עס זאָלן קענען זיין ווייניגע „אויבערשטע". עס מוז זיין אַ „המון הסכלים", כּדי עס זאָלן קענען זיין „יחידים חכמים". איבעריגענס, דאָס איז דער זעלבער גרונט, אויף וועלכן אַריסטאָטעלעס האָט גערעכטפערטיגט שקלאַפעריי. דער רמב"ם שטעהט אין זיין עטיק אונטער דעם איינפלוס פון דער גריכישער עטיק, ווי זי געפינט זיך ביי פּלאַטאָ און אַריסטאָטעלעס. דאָס איז אָבער ניט די אידישע עטיק.

מען קען דעם רמב"ם ניט באַשולדיגן, פאַרוואָס ער האָט זיך ניט געקענט פאָרשטעלן אַזאַ מין מענשליכע געזעלשאַפט, וואו די נויטיגע אַרבייט וועט קענען געטאָן ווערן מיט דער הילף פון מאַשינען אין אַזאַ קורצער צייט, אַז יעדער איינער וועט האָבן גענוג פרייע צייט „צו קענען ענטוויקלען זיין שכל ביז צו דער העכסטער מדרגה". דער דאַמאָלסדיגער אינדוסטריעלער צושטאַנד, די אָבוועזענהייט פון מאַשינען, פון דאַמף, פון עלעקטריציטעט, האָט ניט געקענט אַרויסרופן אַזאַ פאָרשטעלונג. פאַר יענער צייט איז אפשר טאַקע נויטיג געווען, אַז די פילע זאָלן אַרבייטן פאַר דעם איינעם, כּדי די מענשהייט זאָל קענען פּראָגרעסירן. אפילו אַזאַ מאָדערנער דענקער ווי טהאָמאַס באָקל, באַהויפּטעט, אַז די מענשהייט האָט בלויז דאַן געקענט פּראָגרעסירן, ווען עס זיינען שוין געווען אָנגעזאַמעלט גענוג רייכטימער. דאָס האָט געגעבן די מעגליכקייט אַז עס זאָל זיך בילדען אַ קלאַס מענשען, וואָס האָט זיך געקענט אָפּגעבן מיט דער וויסענשאַפט און מיט ספּעקולאַטיווע פראַגען, ווייל זיי האָבן ניט געדאַרפט טאָן קיין פיזישע אַרבייט. דאָ האָט איהר אַ מיינונג פון אַ מאָדערנעם דענקער, וואָס איז שטאַרק ענליך אויף דעם רמב"ם'ס מיינונג.

*) שאם כל בני-אָדם מבקשים חכמה ולומדים הפילוסופיה, ישחת העולם ויאבד ויכלה מין האנושי בימים מעטים. שהרי האָדם דל מאד, מצטרך לדברים רבים. והיה בצרך ללמוד לחרוש, ולקצור, ולדוש, ולטחון, ולאפות, ולעשות כלים לכל זה, כדי לתקן מזונו (הקדמת המשנה).

דערביי שטעלט זיך דער רמב"ם ניט אָפּ. ער געהט ווייטער און זעצט פאַר זיין לאָגישען בנין. דער רמב"ם גלויבט אין דער אומשטערבליכקייט פון דער מענשליכער נשמה, פון דעם מענשליכען שכל, הייסט עס. די דאָזיגע אונשטערבליכקייט קומט פאַר דורך דעם, וואָס דער מענשליכער שכל באהעפט זיך מיט דעם וועלט־שכל, אויב מען קען זיך אַזוי אויסדריקען. ער באהעפט זיך מיט דעם „שכל הפועל", ווי דער רמב"ם רופט עס אָן. אָבער כדי די דאָזיגע באהעפטונג אָדער פאראייניגונג זאָל קענען פאָרקומען, איז נויטיג, אַז דער שכל זאָל זיין העכסט ענטוויקעלט. פאָלגליך, איז בלויז דער פילאָזאָף מיט זיין הויך־ענטוויקעלטען שכל זוכה צו אומשטערבליכקייט.

בלויז דער פילאָזאָף איז זוכה צו אומ־שטערבליכ־קייט.

דער רמב"ם האָט, אין אַנדערע ווערטער, אריבערגעטראָגען די סאָציאַלע אומגלייכהייט און אומגערעכטיגקייט פון „דער וועלט" אויף אויף „יענער וועלט". די גרויסע מאַסען, דער „המון הסכלים", האָבען גאָרנישט דאָ און גאָרנישט וועלען זיי האָבען דאָרטען. דאָ דאַרפען זיי אַקערען, זייען, דרעשען, באַקען און אַזוי ווייטער, כדי דער פאָלקאָמענער מענש זאָל זיך קענען ענטוויקלען, און דאָרטען איז ער, דער פולקאָמענער מענש, ווידעראַמאָל דער יחסן. בלויז ער געניסט פון אומ־שטערבליכקייט....

דער רמב"ם זאָגט אויסדריקליך, אַז דער פילאָזאָף שטעהט העכער ניט בלויז פאַר דעם פשוט'ן פרומאַק, נאָר אפילו פאַר דעם פרומען למדן. ער גיט אַ משל פון אַ קעניג מיט זיינע אונטערטאַנען. ער טיילט איין די מענשהייט אין זעקס כתות.

ווי דער רמב"ם טיילט איין די מענשהייט.

1) די ערשטע כיתה איז אינגאַנצען ניט אין לאַנד. זיי געפינען זיך ערגעץ אין פאַרוואָרפענע ווילדע געגענטען. דאָס זיינען די מענשען, וואָס האָבען גאָר קיין אמונה ניט.

2) מענשען, וואָס געפינען זיך שוין אין לאַנד, אָבער זיי קוקען אין דער געגענגעזעצטער ריכטונג פון דעם קעניגליכען הויף. דאָס זיינען די מענשען, וואָס האָבען פאַלשע אמונות.

3) מענשען, וואָס ווילען אריינקומען אין קעניגליכען הויף, אָבער זיי האָבען איהם קיינמאָל ניט געזעהן. דאָס איז דער גרויסער עולם, וואָס היט אָפּ די תורה, — די פרומע פראַסטאַקעס.

4) די וואָס שטעהען ניט ווייט פון הויף און האַלטען אין זוכען דעם אריינגאַנג צו איהם. זיי זיינען די יעניגע, וואָס האָבען די ריכטיגע אמונה, אָבער זיי זיינען צו איהר

געקומען דורך דער טראַדיציע און זיי האָבן ניט געפאָרשט מיט'ן אייגענעם שכל. דאָס זיינען די לומדים, וואָס לערנען די תורה.

5) די וואָס זיינען שוין אריין אין קעניגליכען הויף, אָבער זיי זיינען ניט אריין אין פּאַלאַץ. דאָס זיינען די מענשען וואָס לערנען די וויסענשאַפטען און גיבען זיך שוין אָפּ מיט חקירות וועגען די עיקרים פון דער אמונה.

6) די וואָס זיינען אריין אין אינערליכען פּאַלאַץ און זיינען זוכה צו זעהן דעם קעניג. דאָס זיינען די פילאָזאָפען, וואָס באַגרייפען מיט זייער שכל די אמת'ען וועגען דער גאָטהייט אויף אַזוי פיל, וויפיל עס איז מעגליך פאר דעם מענשליכען שכל. (מורה נבוכים, חלק שלישי, פרק נ"א).

דער פילאָזאָף שטעהט העכער פאר אַלעמען, אפילו פאר דעם צדיק און למדן. עס איז קלאָר, אַז אַזא באַהויפּטונג איז ניט געפעלען געוואָרען די אידישע רבנים און חכמים פון יענער צייט. דער „שם-טוב", איינער פון דעם רמב"ם'ס קאָמענטאַ-טאָרס, באַמערקט אויף דעם: „פילע פון די חכמים און רבנים האָבן געזאָגט, אַז דעם דאָזיגען פּאַראַגראַף האָט דער רמב"ם ניט געשריבען, און אויב ער האָט איהם יאָ געשריבען, דאַרף מען איהם אַרויסוואַרפען אָדער פאַרברענען".

„עס איז ניט דער דאָזיגער קאַפּיטעל אַליין", זאָגט אויף דעם אחד העם אין זיין „שלטון השכל", „עס זיינען די אַלע אַנדערע קאַפּיטלען, וואָס האָבן לאָגישערווייזע געמוזט פיהרען צו דעם דאָזיגען „לעצטען וואָרט"...

עס איז ניט דער קאַפּיטעל, עס איז די גאַנצע שיטה. דער דערמאָנטער קאַפּיטעל אַז בלויז איין רינג אין אַ לאַנגער קייט.

די רבנים און די חכמים זיינען מיט דעם, לויט די עדות פון „שם-טוב", ניט געווען צופרידען. און עס איז קיין חידוש ניט. די דאָזיגע שיטה, וואָס מאַכט פון דער גאַנצער מענשהייט אַ פוס-בייַנקעל פאר דעם גרויסען פילאָזאָפישען יחיד, איז איינגאַנצען געגען דעם גייסט פון דער אידישער עטיק.

די אידישע עטיק אין פאַרגלייך מיט דעם רמב"ם.

דאָס אַלטע אידענטום האָט אין אַ רייהע פון פּראַקטישע געזעצען, ווי שמיטה, יובל און דערגלייכן, געזוכט אָפּצושאַפען די עקאָנאָמישע און סאָציאַלע אומגערעכטיגקייטען און אומ-גלייכהייטען. דאָס האָט זיך, אמת, ניט איינגאַנצען איינגעגעבען. דאָס אידענטום האָט אָבער לכל-הפחות אָפּגעשאַפט די אומ-

גלייכהייט אויף „יענער וועלט”. דאָרטען זיינען ניטאָ קיין חכמים און נאַרען, דאָרטען קריגט יעדער וויפיל ער פאַרדינט, דאָרטען איז דער עיקר גוטע מעשים. דער גרעסטער פילאָזאָף, אויב זיינע מעשים זיינען שלעכטע, שטעהט אויף אַ נידעריגע־רער מדרגה, ווי דער גרעסטער פּראָסטאַק, אויב זיינע מעשים זיינען געווען גוטע. גוט און שלעכט, ניט וויסען און אומוויסען, איז דער פונדאַמענט פון דער אידישער עטיק.

דאָ איז כדאי צו באמערקען, אז ווען דער רמב”ם לאָזט זיך אראָפּ פון זיינע הויכע פילאָזאָפישע הימלען אויף אונזער פּראַקטישער ערד, פארגעסט ער אַלע זיינע טעאָריעס וועגען אמת און שקר אַלס דער פונדאַמענט פון עטיק. זיין פּראַקטישע עטיק איז באַגרינדעט אויף דער תורה און דעם תלמוד. זיין גרויסער כלל איז, אז דער בעסטער וועג איז דער מיטעלער וועג, —— „דער גאָלדענער מיטען” : „הדרך הישרה היא מדה בינונית שבכל דעה ודעה מכל הדעות שיש לו לאדם” (הלכות דעות, פּרק ראשון).

* * *

ניטאָ קיין שלעכטס אויף דער וועלט.

דער רמב”ם באהאנדעלט אויך די פראגע וועגען דער עקזיסטענץ פון שלעכטס אויף דער וועלט. ער קומט צום שלוס, אז שלעכטס עקזיסטירט ניט. אַלץ וואָס עס געפינט זיך אויף דער וועלט, אַלץ וואָס גאָט האָט באשאַפען איז גוט. דאָס שלעכטס וואָס מיר זעהען איז ניט עטוואָס פּאָזיטיוועס, נאָר בלויז נעגאַטיוועס. שלעכטס מיינט די אבוועזענהייט פון גוטס. און אַן אבוועזענהייט איז ניט עטוואָס וואָס עקזיסטירט, נאָר עטוואָס, וואָס עקזיסטירט ניט. מען קען דארום ניט פרעגען, וואָרום האָט גאָט באשאַפען שלעכטס? ער האָט איהר ניט באשאַפען. זי איז ניטאָ. זי איז בלויז אַן אבוועזענהייט — אַן אבוועזענהייט פון גוטס.

עס געפינען זיך פילע מענשען, זאָגט דער רמב”ם, און צווישען זיי אויך אַזעלכע, וואָס רופען זיך חכמים, וואָס באַ־הויפּטען, אז אויף דער וועלט געפינט זיך מעהר שלעכטס ווי גוטס. זיי פאַרגלייכען דאָס ביסעלע נחת און רוה, וואָס דער מענש האָט מיט די פילע צרות, יסורים, קראַנקהייטען און עגמת־נפש, וואָס ער האָט אריבערצוטראָגען ; זיי געפינען, אז די צרות זיינען מעהר ווי פרייד, און קומען צום שלוס, אז די וועלט איז בכלל שלעכט. דער גרויסער טעות זייערער באשטעהט

אין דעם, וואָס זיי באַטראַכטען זיך אַלס דעם מיטלפּונקט פון דעם גאַנצען אוניווערזום. און אויב זיי ווערען קראַנק פון צופיל אויסגעלאַסענקייט אָדער פון צופיל פרעסען און זויפען, האָבען זיי טענות צו דער וועלט. ווען זיי וואָלטען אָבער באַגריפען ווי קליין און נישטיג דער מענש איז אין פאַרגלייך מיט דער גאַנצער שעפונג, וואָלטען זיי איינגעזעהען, ווי נאַריש עס איז צו אורטיילען פון זייערע פּערזענליכע צרות אויף דער גאַנצער וועלט בכלל. די צרות, פון וועלכע מענשען ליידען, קענען איינגעטיילט ווערען אין דריי קלאַסען:

מענשען נעמען זיך אַליין זייערע צרות.

1) צרות וואָס ליגען אין דער מענשליכער נאַטור. דער מענש איז געמאַכט פון מאַטעריע, פון פלייש און בלוט, און מאַטעריע מוז בייטען איהרע פאָרמען. זי איז אונטערוואָרפען דעם פּראָצעס פון זיין און אונטערגאַנג. דער איינצעלנער מענש, דער יחיד, מוז דעריבער שטאַרבען, וואָס דאָס איז נאַטירליך פאַרבונדען מיט צרות און יסורים. מען דאַרף אָבער געדענקען, אַז ניט דער יחיד, נאָר דער מין, דער גענוס, איז דער צוועק פון דער שאַפונג. און דער מין ווערט מיט דעם טויט פון דעם יחיד ניט פאַרשוואונדען. דער מין בלייבט לעבען.

2) צרות, וואָס מענשען טוען זיך אָן איינע די אַנדערע, ווי גנבה, גזלה, רציחה און די גרויסע מלחמות. אין דעם זיינען מענשען אַליין שולדיג. דאָס נעמט זיך פון דעם וואָס מענשען האָבען ניט קיין שכל, וואָס דאָס מיינט פון אָן אָב־וועזענהייט. ווען עס וועט קומען די צייט און מענשען וועלען אָנפאַנגען צו באַגרייפען דעם אמת, וועלען די דאָזיגע אַלע רייסערייען און קריגערייען פאַרשווינדען.

3) צרות, וואָס מענשען נעמען זיך אַליין. די יאָגעניש נאָך געלט, די יאָגעניש נאָך כבוד און מאַכט, די יאָגעניש נאָך וויין, פרויען און דערגלייכען. ער ווערט אַ שקלאַף צו זיינע תאוות און פאַרלאַנגען. און ווען ער קען די דאָזיגע תאוות ניט דערפילען, ווערט ער בייז אויף גאָט און אויף דער וועלט און באַקלאָגט זיך אויף דער עקזיסטענץ פון שלעכטס. (מורה נבוכים, חלק ג׳, פרק י׳—י״ג).

ווען עס קומט צו דער פראַגע פון דער עקזיסטענץ פון שלעכטס אויף דער וועלט, שטעהט דער רמב״ם אויף דעם אַלט־אידישען שטאַנדפּונקט: „וירא אלהים את כל אשר עשה, והנה טוב מאד" — אַלץ וואָס איז באַשאַפען געוואָרען איז גוט.

VI.

די מחלוקה וועגן רמב״ם און זיינע ווערק און ווי זי האָט זיך געענדיגט.

מאנכע היסטאָריקער, וואָס זיינען, צוליב זייער אייגענעם ראציאָנאַליזם, שטארק פריינטלאך צום רמב״ם, זיינען מיט דער מיינונג, אַז די געגנערשאפט געגען איהם האָט זיך גענומען פון ריין פערזענליכע מאָטיוון. מען האָט איהם, דעם רמב״ם, הייסט עס, גאָר פשוט ניט פארגונען זיין גרויסקייט און זיין אויסער־געוועהנליכע פּאָפּולאַריטעט.

דער פערזענ־ליכער עלע־מענט אין דער מחלוקה וועגן דעם רמב״ם.

איז מעגליך, און אפילו וואהרשיינליך, אַז אַ געוויסער פער־זענליכער עלעמענט האָט אין דער דאָזיגער געגנערשאפט גע־שפּילט אַ קלענערע אָדער גרעסערע ראָלע. דאָ און דאָרטען האָבען זיך אפשר געפונען מענשען, ווי, לאָמיר זאָגען, דער באַגדאַדער ראש־ישיבה ר׳ שמואל בן עלי, וואָס האָבען דעם רמב״ם ניט פארגונען זיין כבוד. דאָס איז אומפארמיידליך. אין יעדער מחלוקה, און מעג זי זיך אפילו אָנפאַנגען פון די ריינסטע פרינציפּיעלע אונטערשיידונגען, מוזען זיך פריהער אָדער שפּעטער אריינ׳גנב׳ענען פערזענליכע מאָטיוון און פערזענליכע פניות, ווייל מענשען זיינען סוף־כל־סוף ניט מעהר ווי מענשען. דאָס מיינט אָבער בשום אופן ניט, אַז די גאַנצע קריגעריי וועגען רמב״ם, וואָס האָט זיך געצויגען פאר פיל צעהנדליגער יאָהרען און וואָס האָט אויפגעטרייסעלט דעם גאַנצען אידישען לעבען פון יענער צייט, — אַז דאָס אַלץ האָט זיך גענומען פון פער־זענליכע מאָטיוון.

וויל מען באטראכטען די דאָזיגע מחלוקה פון אַ ריין־היס־טאָרישען, אומפּאַרטייאישען שטאַנדפּונקט, ניט ווערענדיג באַ־איינפלוסט פון דער גרויסקייט פונ׳ם רמב״מ׳ס פערזענליכקייט אָדער פון די אייגענע סימפּאַטיען, מוז מען קומען צום שלום, אַז זיינע געגנער זיינען ניט אַלע מאָל געווען אומגערעכט. זיי, די געגנער, האָבען געהאַט גענוג וואָגיגע און צום טייל אויך גע־רעכטע טענות.

דער רמב"ם ווערט פון זיינע חסידים געשילדערט אלס באשיידענער מענש. איז עס זעהר מעגליך, אז אין זיין פריוואט־לעבען און אין זיינע פערזענליכע באנעמונגען צו מענשען איז ער ווירקליך געווען באשיידען. פון זיינע שריפטען זעהט מען עס אבער ניט ארויס. אין זיינע שריפטען איז ער גאנץ ווייט פון באשיידענקייט. אין זיינע שריפטען איז ער אזוי זעלבסט־באוואוסט און אזוי זעלבסט־זיכער, אז דאס אליין האט געקענט ארויסרופען א ווידערווילען געגען איהם.

די טענות געגען דעם רמב"ם.

שוי דער נאמען, וואס דער רמב"ם האט געגעבן זיין הויפט תלמודיש ווערק, דער נאמען משנה תורה", האט ביי גאר פילע פון די תלמודיסטען פון יענער צייט ארויסגערופען א פאר־ביטערונג און א ווידערווילען. מיט דעם נאמען "משנה־תורה" ווערט אנגערופען דער ספר „דברים" פון חומש, און דא געפינט זיך איינער, און זאל ער אפילו זיין דער גרעסטער צווישען די גרעסטע, וואס דערלויבט זיך צו רופען זיין ספר מיט דעם דא־זיגען נאמען... דאס איז געוויסערמאסען באטראכט געווארען פאר א מין חלול הקודש.

דעם רמב"מ'ס דערקלערונג פאר וואס ער רופט זיין ספר „משנה תורה" האט ווי געגאסען אויל אויפ'ן פייער. ער זאגט: „און דעריבער רוף איך דעם דאזיגען חבור „משנה תורה", ווייל א מענש לייענט פריהער די „תורה שבכתב" (דעם חומש) און דאן לייענט ער דעם דאזיגען ספק און ווייסט פון איהם די גאנצע „תורה שבעל־פה". ער דארף ניט לייענען קיין אנדער ספר צווישען זיי". (לפיכך קראתי שם חבור זה משנה תורה, לפי שאדם קורא בתורה שבכתב תחילה ואחר כך קורא בזה, ויודע ממנו תורה שבעל־פה כולה, ואינו צריך לקרות ספר אחר ביניהם — הקדמה למשנה תורה).

„וואס מיינט עס?" — האבען זיינע געגנער גע'טענה'ט — „מיינט עס דען ניט, אז ער וויל מיט זיין ספר ארויסשטופען דעם לערנען פון תלמוד גאר אינגאנצען?"

מיר הייגט מעגען עס באטראכטען פאר א קליינעם אומ־גליק. אבער דעם רמב"מ'ס געגנער דאן האבען געהאט אן אנדער קוק. פאר זיי איז דאס לערנען פון תלמוד אן־און־פאר־זיך געווען א וויכטיגער ענין. א חוץ דעם האבען זיי ניט געוואלט ווימען פון קיינע אנדערע אויטאריטעטען אויסער די תורה און

דעם תלמוד. די תורה און דער תלמוד זיינען אָפענע ביכער, אָפען פאַר יעדען איינעם. יעדער איינער קען לעזען און שטודירען און יעדער איינער איז בארעכטיגט ארויסצוקריגען די „הלכה" (דעם דין) פון דעם תלמוד גופא און ער דאַרף קיינעם ניט גלויבען אויפ'ן וואָרט — אפילו ניט דעם רמב"ם.

דער רמב"ם האָט געוואָלט זיין קורץ אין זיין „משנה תורה" און האָט דעריבער ניט אָנגעגעבען די קוואַלען פון וועלכע ער האָט די „הלכות" גענומען. דערמיט זיינען די תלמודיסטען פון יענער צייט ווידער ניט געווען צופרידען. זיי האָבען גע־פאָדערט באוויזען און באגרינדונגען. דער ראב"ד באמערקט וועגען דעם: „ער (דער רמב"ם) האָט געמיינט צו פאַרבעסערען, אָבער ער האָט ניט פאַרבעסערט דערמיט, וואָס ער האָט פאַר־לאָזען די וועג פון די פריהערדיגע מחברים, וועלכע האָבען גע־בראַכט ראיות אויף זייערע רייד" (אָמר הראב"ד: סבר לתקן ולא תקן, כי עזב דרך המחברים לפניו שהביאו ראיה לדבריהם).

די הויפּט־טענות זיינען אָבער געווען ניט געגען דעם רמב"ם אלס תלמודיסט, נאָר געגען דעם רמב"ם אלס פילאָזאָף. דאָס זיינען געווען זיינע פילאָזאָפישע מיינונגען, ווי ער האָט זיי אויסגעדריקט אין זיי פירוש אויף דער משנה, אין דעם „ספר המדע" פון דער „משנה תורה" און איבערהויפּט אין זיין „מורה נבוכים", וואָס האָבען ארויסגערופען דעם שטורם.

* * *

די אומצופרידענהייט מיט'ן רמב"ם און מיט זיינע ספרים האָט זיך אָנגעפאַנגען נאָך ביי זיין לעבען. דער שטאַרקסטער און וויכטיגסטער געגנער פון רמב"ם אין יענער צייט איז געווען „דער דריטער ראב"ד", אָדער, ווי ער איז בעסער באַקאַנט, אלס דער „בעל השגות" (דער פאַרפאַסער פון די „השגות". „השגה" איז דער טייטש א קריטישע באמערקונג).

דער „דריטער ראב"ד" און זיינע „השגות".

דער דאָזיגער ראב"ד איז געווען א רייכער און אָנגעזעהענער מענש און דערצו איינער פון די גרעסטע תלמודיסטען פון זיין צייט. ער איז געווען מיט א צעהן יאָהר עלטער פאַר דעם רמב"ם און איז געשטאָרבען מיט זעקס יאָהר פריהער. דער רמב"ם האָט פון איהם געהערט, און אין איינעם פון דעם רמב"מ'ס בריף צו ר' שמואל אבן תבון ווערט דער ראב"ד דער־מאָנט צום גוטען. דער רמב"ם רופט איהם „הרב הגדול".

דער ראב"ד צייכענט זיך אויס מיט זיין גרויסער בקיאות אין דער תלמודישער ליטעראטור און מיט זיין שארפען, קלאָרען שכל. זיינע „השגות" (קריטישע באמערקונגען) זיינען געשריבען קורץ און צום פונקט. ער איז ניט קארג אין באליידיגענדע אויסדרוקען וועגען רמב"ם. ער זאָגט אָפט: „ער ווייס ניט וואָס ער רעדט", „ער רעדט ווי א אינגעל", „ער רעדט נאריש־קייטען", „ער איז ניט באקאַנט מיט דעם ענין", און עהנליכע אויסדרוקען. ווי עס ווייזט אויס איז עס דאַן געווען אזא מאָדע: אזוי האָט מען דאַן געשריבען קריטיק... דער רמב"ם אליין איז בנוגע דעם ניט פיל בעסער געווען. ער רופט זיינע געגנער „הסכלים שבאָדם", — די נארישסטע צווישען מענשען. וואַרפט מען אָבער ארויס די גראָבע און באליידיגענדע אויסדרוקען, געפינט מען, אַז דער ראב"ד איז גאַנץ אָפט ניט אין גאַנצען אומגערעכט.

דער ראב"ד האָט, ווי עס ווייזט אויס, ניט געזעהן דעם רמב"מ'ס „מורה נבוכים", אָבער ער איז באַקאַנט געווען מיט דעם רמב"מ'ס פילאָזאָפישע אנזיכטען, לויט ווי זיי זיינען איבער־געגעבען געוואָרען אין דעם „ספר המדע". דער ראב"ד האַלט זיך ניט צוריק און קריטיקירט אויך דעם רמב"מ'ס פילאָזאָפיע. ער איז ניט צופרידען דערמיט, וואָס דער רמב"ם שטעלט דעם גלויבען אין אַן אומקערפערליכען גאָט אַלס דאָגמע. ער גרייפט איהם אויך אָן דערפאַר, וואָס דער רמב"ם זאָגט זיך ניט ארויס קלאָר וועגען „תחית־המתים". ווען דער רמב"ם רעדט אין זיין „משנה תורה" וועגען דער פראַגע פון גאָט'ס פאָראויס־וויסען און דעם מענשענ'ס פרייען ווילען (ידיעה ובחירה), וואָס ווייזען אויס ווי אַ סתירה איינע צו די אַנדערע, ענדיגט דער רמב"ם: „אונזער וויסען איז ניט ווי גאָט'ס וויסען און מיר דאַרפען גלויבען, אַז גאָט ווייס אַלץ", באַמערקט אויף דעם דער ראב"ד מיט אַ ביטערען סאַרקאַזם:

„ער האָט אָנגעפאַנגען מיט חקירות און געענדיגט האָט ער מיט אמונה. צו וואָס־זשע זיינען נויטיג געווען די אַלע קשיות און פראַגען."

די אומצופרידענקייט מיט דעם רמב"ם איז געוואַקסען מיט דעם ערשיינען פון דעם „מורה נבוכים" און איז פאַרוואַנדעלט געוואָרען אין אַ ביטערע מחלוקה נאָך דעם רמב"מ'ס טויט.

פון איין זייט זיינען געשטאַנען דעם רמב"מ'ס אָנהענגער, און פון דער צווייטער זייט זיינע געגנער.

די אָנהייגנער און די געגנער פון דעם רמב"ם.

דעם רמב"מ'ס אָנהייגער קענען איינגעטיילט ווערען אין צוויי קלאַסען. דער ערשטער קלאַס איז באַשטאַנען פון פּרו־מאַקעס, וועלכע האָבען זיך אין דער זעלבער צייט געהאַלטען אָן דעם רמב"מ'ס פילאָזאָפישע מיינונגען. זיי האָבען אין דעם קיין שום ווידערשפּרוך ניט געזעהן. דער פאַקט, וואָס דער רמב"ם האָט אין זיין פּריוואַט לעבען זיך אויפגעפיהרט זעהר פרום און האָט אָפּגעהיט אַלע מצוות מיט אַלע זייערע פּרטים, איז פאַר זיי געווען דער בעסטער באַוויז, אַז דעם רמבמ'ס פילאָזאָפישע מיינונגען זיינען נים להיפוך פון דער תורה.

צווישען דעם רמב"מ'ס אָנהייגער האָט זיך אָבער אויך געפונען אַן אַנדער קלאַס, מען קען זאָגען, אַ לינקער פליגעל, וואָס האָט צוגעפיהרט דעם רמב"מ'ס געדאַנקען צו זייער לאָ־גישען שלוס. דאָס זיינען געווען די אַזוי־גערופענע „אַלעגאָ־ריסטען". זיי האָבען באַטראַכט די תורה אַלס ריינע אַלעגאָריען, און זיי האָבען זיך דעריבער גאַנץ ווייניג געקימערט וועגען דער פּראַקטישער זייט פון דער תורה. זיי האָבען די מצוות ניט אָפּגעהיט... דאָס זיינען געווען זיי, די דאָזיגע אַלעגאָריסטען מיט זייער פּרייער אויפפיהרונג, וואָס האָבען מעהר ווי אַלע אַנדערע ארויסגערופען די מחלוקה. אָט דאָס, האָט עס געהייסען, זיינען די רעזולטאַטען פון דעם רמב"מ'ס פילאָזאָפיע.

פּונקט ווי זיינע אָנהייגנער, אַזוי קענען אויך דעם רמב"מ'ס געגנער איינגעטיילט ווערען אין צוויי קלאַסען. דער ערשטער קלאַס איז באַשטאַנען פון מענשען, וועלכע זיינען אַליין געווען פילאָזאָפיש געניינט. זיי האָבע ניט באַקעמפּט פילאָזאָפיע אין אַלגעמיין, נאָר בלויז דעם רמב"מ'ס פילאָזאָפיע. זייער פילאָ־זאָפיע איז געווען די פילאָזאָפיע פון די „מדברים", ווי דער רמב"ם באַצייכענט איהר. דאָס איז געווען אַ פילאָזאָפיע, וואָס איז געווען אַ געמישעכץ פון פּיטהאַגאָרייאַ־ישע, פּלאַטאָנישע, ניי־פּלאַטאָנישע און אַנדערע לעהרען. די דאָזיגע פילאָזאָפיע האָט זיך שוין געהאַט צוגעפּאַסט צו דער רעליגיע. זי איז געוואָרען אַ דינסט ביי דער רעליגיע. דעם רמב"מ'ס פילאָזאָפיע, די אַריס־טאָטעלישע פילאָזאָפיע, ווי דער רמב"ם האָט איהר פאַרשטאַנען, איז געווען עטוואָס ניי אויף דער דאַמאָלסדיגער אידישער גאַס. עס איז אמת, אַז דער רמב"ם איז ניט דער ערשטער אַריסטאָ־

טעליאַנער ביי אידען. פאַר איהם האָט געלעבט ר׳ אברהם אבן־דאוד, דער מחבר פון „אמונה רמה״, וועלכער איז אויך געווען אַן אָנהייננער פון אריסטאָטעל׳ס פילאָזאָפיע. ר׳ אברהם אבן־דאוד איז אָבער ניט געגאַנגען אין זיינע אויספיהרונגען אַזוי ווייט, ווי דער רמב״ם. אַחוץ דעם האָט קיינער ניט געקענט צווייפלען אין זיין פרומקייט און איבערגעבענקייט צו דער אידישער אמונה. ער איז געווען איינער פון די, וואָס האָבען ניט געוואָלט אָנ־געהמען דעם מאַכמעדאַנישען גלויבען אפילו לפּנים וועגען. צו זיבעציג יאָהר האָט ער זיך געלאָזט היגריכטען אויף „קידוש השם״.

דער צווייטער קלאַס פון רמב״מ׳ס געגנער איז באשטאַנען פון מענשען, וואָס האָבען אין גאַנצען ניט געוואָלט וויסען פון דער פילאָזאָפיע. זיי זיינען געווען געגנער פון אירגענד וועלכער פילאָזאָפיע. זיי זיינען הויפּטזעכליך ארויסגעטראָטען געגען דעם רמב״ם, ווייל זיי האָבען אין איהם געזעהן אַ ביישפּיל אין וועלכע קרומע וועגען די פילאָזאָפיע קען פאַרפיהרען אפילו אַזאַ גרויסען פרומאַק און אַזאַ גרויסען תלמודיסט, ווי דער רמב״ם איז געווען. מאַנכע פון זיי, ווי ר׳ משה תיקו, האָבען זיך דערלויבט אָנצוגרייפען אפילו רב סעדיה גאון, ווייל ער איז געווען דער ערשטער, „וואָס האָט אריינגעבראַכט די פילאָזאָפישע צרה ביי אידען״.

ר׳ מאיר אבולאַפיאַ און ר׳ יהודה אבן־אַלפּאַכאַר

ר׳ מאיר אבולאַפיאַ און ר׳ יהודה אבן אלפאַכאַר באַלאַנגען ביידע צום ערשטען קלאַס פון דעם רמב״מ׳ס געגנער. ביידע זיינען זיי געווען געלעהרטע און פילאָזאָפען. זיי האָבען ניט געקעמפּט געגען דער פילאָזאָפיע בכלל, נאָר בלויז געגען דעם רמב״מ׳ס פילאָזאָפיע. איינער פון רמב״מ׳ס אָנהייננער, אברהם ב״ר שמואל חסדאי, זאָגט וועגען אבולאַפיאַ, אַז ער איז „דער וואונדער פון זיין צייט, דער העכסטער שכל, די קרוין פון שעהנקייט״ און דערגלייכען. אפילו דער פּאָעט ר׳ יהודה אַלחרי־זי זאָגט וועגען איהם, אַז „אין חכמה קען זיך קיינער צו איהם ניט פאַרגלייכען״. ר׳ יהודה אבן אלפּאַכאַר, ווידער, איז אַליין געווען אַ גרויסער געלעהרטער און אַ באַריהמטער דאָקטאָר. ער איז געווען דער הויף־דאָקטאָר פון קעניג פערדינאַנד דער דריטער.

ביידע האָבען זיך באַצויגען מיט גרויס דרך ארץ צום רמב״ם אלס תלמודיסט, אָבער ביידע האָבען זיך אָפּגעטרייסעלט

פון זיין פילאָזאָפיע. „איך האָב אויפמערקזאַם געלייענט דעם „מורה נבוכים", שרייבט ר' מאיר אבולאפיא, „און האָב איהם געפונען פאַר שעדליך. דער וואָס ריהרט איהם אָן, בלייבט ניט ריין".

אויך ר' יהודה אבן־אלפאכאר איז מיט דער מיינונג, אז עס איז גוט, וואָס מען האָט פאַרבאָטען צו לייענען דעם מורה־נבוכים. מען דאַרף איהם פאַרברענען (הואיל ולשרפה הוא עומד). אין זיינע בריף צו ר' דוד קמחי (דער רד"ק), איינער פון דעם רמב"מ'ס שטאַרקסטע אָנהייגער, זאָגט אלפאכאר, אז עס איז שוין צייט, „אז די אָנהייגער פון רמב"ם זאָלען תשובה טאָן און זיך צוריקקערען צו דער תורה".

די הויפט־טענה, וואָס אבולאפיא און אלפאכאר האָבען געגען דעם רמב"מ'ס פילאָזאָפיע איז, וואָס זי איז ניט אידיש. אלפאכער שרייבט אין זיינעם א בריף צו ר' דוד קמחי: „ער האָט געוואָלט פאַראייניגען די תורה מיט דער גריכישער פילאָ־זאָפיע, צו מאַכען פון זיי איין געצעלט. ער האָט גערעכענט, אז די ערשטע מיט דער צווייטער זיינען א צווילינג, האָט זיך אויסגעלאָזען א בראָך און א קלאָג. זיי קענען ניט לעבען צוזאַמען ווי שוועסטער". (למען העמיד התורה עם חכמת היונית יחד. לחבר את האוהל להיות אחד. ודמה היות הראשונה עם השניה כשני עפרים תאמי צביה. והיה תאניה ואניה. ולא נשא אותם את הארץ לשבת יחדו להיות כשתי אחיות).

ר' שלמה פון מאָנפעליע, דער אָנפירער פון דער מחלוקה.

אבולאפיא און אלפאכאר זיינען געווען די פילאָזאָפישע געגנער פון דעם רמב"ם, אָבער דער אמת'ער אָנפיהרער פון קריג איז געווען א מענש, וואָס האָט פיינט געהאַט פילאָזאָפיע בכלל. ער איז געווען בלויז א גרויסער פרומאַק און א גרויסער תלמודיסט. דאָס איז געווען ר' שלמה פון מאָנפעליע. שפּע־טער זיינען צו איהם צוגעשטאַנען זיינע צוויי תלמידים ר' יונה און ר' דוד. לויט דער עדות פון אבולאפיא און אלפאכאר זיינען זיי אלע דריי געווען ניט בלויז פרום און גרויסע לומדים, נאָר אויך זעהר עהרליך אין זייערע מיינונגען און איבערצייי־גונגען.

פון אָנפאַנג איז די מחלוקה געווען מעהר אָדער ווייניגער א „ליטעראַרישע". באלד אָבער האָט זי זיך פאַנאַנדערגעפלאַ־קערט אין א גרויסען פלאַם. וואָס מעהר די מחלוקה האָט אָנגע־

האַלטען אַלץ מעהר פאַרביטערט איז זי געוואָרען. עס האָבען זיך געפונען מענשען, וואָס האָבען אָפּגעמעקט פון דעם רמב"מ'ס מצבה אַלע טיטולען און שבחים און האָבען אָנשטאָט דעם אויפגעשריבען: „דאָ ליגט משה דער אַפּיקורס".

ווי די מחלוקה האָט זיך געענדיגט.

ווי אַזוי האָט זיך די דאָזיגע מחלוקה געענדיגט? זי האָט זיך געענדיגט, ווי אַלע אידישע מחלוקות ענדיגען זיך. פריהער האָט מען זיך איינע די אַנדערע גענומען לייגען אין חרם און שפּעטער האָט מען געענדיגט מיט מסירות... אַ פאָלק, ווי דאָס אידישע, וואָס האָט ניט קיין אייגענע מלוכה־מאַכט, וואָס זאָל קענען באַשטראָפען די ווידערשפּעניגע, — אַזאַ פאָלק מוז אָנ־קומען צו מסירות. מען פאַר'מסר'ט איינע די אַנדערע פאַר דער פרעמדער מאַכט... ניט אומזיסט האָבען מיר צווישען זיך אַזוי פיל מוסרים...

ר' שלמה פון מאָנפּעליע האָט געפונען פאַר נויטיג צו פאַר'מסר'ען דעם „מורה־נבוכים" פאַר די דאָמיניקאַנער מאָנאַ־כען. היות ווי איהר פרומע קריסטען פאַרברענט אייערע אייגענע אַפּיקורסים און אַפּיקורסישע ספרים, טאָ ווי אַזוי דערלאָזט איהר, אַז די אַפּיקורסים זאָלען זיך פאַרמעהרען ביי אידען? וואָרום פאַרברענט איהר ניט דעם „מורה־נבוכים"?

מען ברענט דעם „מורה נבוכים", און באַלד דערנאָך אויך דעם תלמוד.

די דאָמיניקאַנער צדיקים האָבען זיך לאַנג ניט געלאָזט בעטען. זיי האָבען צוזאַמענגעקליבען אַזוי פיל עקזעמפּלאַרען פון דעם „מורה נבוכים", וויפיל זיי האָבען געקענט קריגען, און מען האָט זיי מיט גרויס צערעמאָניע און פאַראַד פאַרברענט. דערביי איז עס אָבער ניט געבליבען. דער עסק פון פאַרברענען אידישע ספרים איז די שוואַרצע דאָמיניקאַנע געפעלען געוואָרען. מיט פערציג טעג שפּעטער האָט מען אויף דעם זעלבען פּלאַץ געלאָזט פאַרברענען דעם תלמוד. צוועלף טויזענט בענדער האָט מען פאַרברענט. פילע פון די פרומע געגנער פון דעם רמב"ם האָבען אין דעם געזעהן אַ שטראָף פון גאָט און די מחלוקה איז אויף אַ געוויסער צייט שטילער געוואָרען.

פאַרשטעהט זיך, אַז דעם רמב"ם'ס געגנער האָבען ניט געשוויגען. זיי האָבען געזוכט צו באַווייזען פאַר די דאָמיני־קאַנער, אַז דער „מורה נבוכים" איז ניט קיין אַפּיקורסישער בוך, און אַז די באַשולדיגונג איז ניט מעהר ווי אַ מיאוס'ע מסירה. די דאָמיניקאַנער האָבען זיך געלאָזט איבערצייגען און

זיי האָבען באשטראַפט די מוסרים, ווי עס איז דאַן געווען דער מנהג, אז מען זאָל זיי אויסשניידען די צינגער.

די ליבהארציגע קריסטליכע מאַנאַכען, — זיי האָבען געהאַט א טאָפּעלטען נחת. אי אידישע ספרים געברענט, אי אידישע צינגער אויסגעשניטען...

וועגען דעם פאַרברעכען פון דעם „מורה נבוכים" איז געבליבען א קורצער עפּיגראַם פון דעם רמב"מ'ס אן אומבאַקאַנטען אַנהיינגער:

„מה בערו האומרים כי בערו
דברי חמדות יקרו מזהב
אש אכלה המה, — ואיך אש תאכלם?"

(ווי נאַריש עס זיינען די וואָס זאָגען אַז זיי האָבען פאַרברענט ווערטער, וואָס זיינען טייערער ווי גאָלד. ווערטער פון ברענענדיגען פייער, — ווי קען זיי דער פייער פאַרברענען?)

* * *

די מחלוקה האָט זיך געענדיגט. דאָס רעדט זיך בלויז אזוי. די מחלוקה וועגען רמב"ם האָט אָנגעהאַלטען יאָהרהונדערטע. זי איז אין פאַרשיידענע צייטען פון דאָס ניי אויסגעבראָכען אין פאַרשידענע לענדער און אויף פאַרשידענע אופנים. די דיסקוסיאָנען און דעבאַטען וועגען דעם רמב"ם, דאַפיר און דאַגעגען. האָבען זיך געצויגען ביז דער נייעסטער צייט. עס איז גענוג צו דערמאָנען די נעמען פון אזעלכע מאָדערנע אידישע שרייבער, ווי שמואל לוצאַטא (שד"ל) און פּרץ סמאָלענסקין, וואָס האָבען זיך נאָך גע'וויכוח'ט וועגען דעם רמב"ם.

די מחלוקה וועגען און ארום דעם רמב"ם איז די אַלט־אַלטע און אייביג נייע מחלוקה צווישע וויסען און גלויבען, צווישען קאָפּ און הארץ, צווישען שכל און געפיהלען, צווישען דעם ראַציאָנאַליזם און דעם מיסטיציזם.

די דאָזיגע מחלוקה וועט זיך קיינמאָל ניט ענדיגען. זי וועט בייטען איהרע פאָרמען, אָבער זי וועט דויערען אזוי לאַנג, ווי דער מענש וועט דויערען.